STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04544

BAM LIRISHN KVAL

Hirsh Bloshtein

Permanent preservation of this book was made possible
by Baillie & Larry Shapiro
in memory of
Bessie & Morris Shapiro, devotees of Yiddish, Calgary, Alberta Canada

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע, 1977

С(Евр)2
Б 70

הירש בלאָשטיין איז איינער פון די עלטסטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. זײַנע ערשטע לידער האָט דער זיבעצניאָריקער דיכטער אָפּגעדרוקט אין 1912.

באלד נאָך דער רעוואָליוציע באזעצט זיך בלאָשטיין אין אוקראיִנע. פארעפנטלעכט אין פארשיידענע אויסגאבעס, וועלכע זײַנען דערשינען אין כארקאָוו, אָדעס, קיִעוו, לידער און פּאָעמעס.

פאר די הְעכער פופציק יאָר פון זײַן ליטערארישער טעטיקײַט האָט ה. בלאָשטיין ארויסגעלאָזט פיל לידער־זאמלונגען, ראָמאנען, דערציילונגען, פּארצייכענונגען. צווישן זיי די פּאָעמע „כואן זשאָרקע רעדט" „לידער פון קאמף", „באריקאדעס אונטער פּאלמעס", „היים", „ביראָבידזשאנער פּארצייכענונגען", „צווישן וועלף" און אנדערע.

אין דער זאמלונג „באם לירישן קוואל" זײַנען אײַנגעשלאָסן די בעסטע לידער, וואָס דער טאלאנטפולער דיכטער האָט אָנגעשריבן די לעצטע יאָרן. דאָס איז אמערסטן ליריק — לירישע זעונגען, דערמאָנונגען וועגן דער פארגאנגענהײַט, קינדהײַט, יוגנטבריוו, ליבע, באטראכטונגען וועגן מענטש און נאטור.

© Издательство «Советский писатель», 1977 г.

Б $\frac{70403-119}{083(02)-77}$ 296—77

אין אלע
פינף
צייטן

לעכאַים

כאַווערים! הייבט העכער דעם בעכער מיט ווײַן, —
ווי גוט איז אונדז, ברידער, אינאיינעם צו זײַן!
די פרײַנטשאַפט איז זאַפטיק און זעטיק, ווי ברויט,
עס איז אונדזער היימלאַנד אויף פרײַנטשאַפט געבויט.
זי איז אונדזער פעסטונג, זי איז אונדזער שײַן —
זאָל לעבן די ליבשאַפט, געזונט זאָל זי זײַן!

פאַר פרידלעכער מי איז געבוירן דער מענטש.
זאָל זײַן אונדזער האַנט מיט האַצלאָכע געבענטשט!
די האַנט, וואָס זי האַלט דאָ דעם בעכער אַצינד, —
זי בויט און זי אַקערט, און כאָוועט דאָס קינד,
און אויצרעס מיט שעפע זי שאַפט נאָכאַנאַנד —
די קלוגע, מיט פרײַנטשאַפט געפעסטיקטע האַנט.

אָן זון קאָן ניט וואַקסן און בליִען דער בוים.
דער מענטש קאָן ניט לעבן אָן לידער און טרוים.
זײַן הײַנט איז אינגאַנצן פון מאָרגנס געוועבט,
אַזוי, ווי דאָס לאַנד, וווּ ער ליבט און ער לעבט, —
דאָס לאַנד, וואָס באַלײַכט גאָר די ערד מיט זײַן שײַן...
דער מענטש איז געבוירן אויף גליקלעך צו זײַן.

אין פרייד און אין שאָלעם זאָל בליִען די ערד!
זאָל קיינמאָל ניט ווערן דאָס גליק אונדז פאַרשטערט,

און קיינמאָל דאָס הארץ זאָל ניט ווערן אונדז גרוי,
און זאָל אונדזער הימל זײַן לויטער און בלוי,
און אָפטער זאָל שפּילן אף סימכעס דער ווײַן —
לעכאַים, כאַווײרים! געזונט לאָמיר זײַן!

אין אלע פיר צײַטן פון יאָר

ס׳ווערט קיינמאָל די ווײַט ניט פארצויגן
מיט כמארע, וואָס שווער איז און שווארץ,
פאר דעם, ווער עס טראָגט אין די אויגן
די שײַן פונעם אייגענעם הארץ;
פאר דעם, ווער עס טראָגט אין די פינגער
דעם מונטערן אימפעט פון מי,
ווי ס׳טראָגט אין די פליגל די גרינגע
דער פויגל דעם שוונג פונעם פלי...

עס בליִען די ווײַטן די ברייטע
אין אלע פיר צײַטן פון יאָר
פאר דעם, וואָס קאָן אייגענעם ווייטעק
דערטרינקען אין פרייד פונעם דאָר;
פאר דעם, ווער עס טראָגט אפן גומען
דאָס ווארעמע וואָרט דאָס געגארטס,
פאר דעם, וואָס האָט ליכט זײַנס גענומען
אין לעבינס גרויסמוטיקן הארץ.

די ווערטער, וואָס ווערן ניט אלט

פאראַן בא אונדז — בא די, וואָס זײַנען
געוואָרן אלט אַף אונדזער ערד,
אזעלכע ווערטער, וועלכע שײַנען,
אזש ליכטיק אין די אויגן ווערט!
אין זייער קלאנג אליין איז צויבער,
און ס׳קאָן פון צײַט דער גרויער שטויב אים
ניט מאכן וואָכעדיק און אלט.
און ליבער פון דער מײַ־זון, מילדער,
און שענער פון די שענסטע בילדער
איז זייער פּראָסטע שפּראַך־געשטאלט...

ס׳איז אלץ אין זיי, אין אָט די ווערטער:
דער אופפלי פון אָקטיאבער־דאָר,
דער קראַך פון טפיסעס פון צעשטערטע;
די פרייד פון טרוים, וואָס ווערט א וואָר;
די זון, די בלויע האָריזאָנטן,
די טויזנט בלוטנדיקע פראָנטן,
די פּײַן, דער זיגערשער געשריי;
דער מוט, וואָס ווייסט ניט פון קיין מוירע;
א וועלט מיט גליק פאר טויזנט דוירעס...
ס׳איז אלץ אין זיי, ס׳איז אלץ אין זיי,

אין אָט די ווערטער און באגריפן,
וואָס זײַנען, ווי רובינען, רויט.

עס האָבן דוירעס זיי געשליפן
אין קייט פון טאטשקעס און פון נויט;
געשיצט מיט זיי די באריקאדעס...
אין וויגלידער און אין באלאדעס
האָט זיי דער הערלעכסטער פּאָעט —
דאָס פאָלק אליין! — ארײַנגעזונגען,
פון ריינעם הארץ ארויסגעדרונגען:
„אָ, פרײַהײַט"... „רויטע פאָן"... „סאָוועט"...
און וויל איך זיי אין מײַנע לידער
באפוצן מיט אן אדיעקטיוו,
ווי גרויס זיי זײַנען און ווי טיף,
ווי פריש די אלטע פארבן שײַנען,
ווי בילדעריש די אויסיעס זײַנען,
ווי נײַ ס'איז זייער אלטער טאָן... —
און כ'לאָז זיי אָן באפּוצונג איבער.
אָ, קלינגט מיר פּאָשעט, הארציק־ליבע:
— סאָוועטן... פרײַהײַט... רויטע פאָן...

דוירעס אין דער ריי

1

מאָסקווע אָטעמט שטילער, צאַרטער
לעבן מאַוזאָליי.
שטייט א בלאָנדער באָכער, וואַרט דאָ
אין דער לאַנגער ריי.
מיט א האַרץ, א טיף גערעגטן,
וועט ער באַלד אַרײַן,
ווידער שטיל בא אים א פרעג טאָן,
ווי א מענטש צו זײַן.

לעם דעם זון, שוין גראָוו, דער טאַטע
שטייט פאַרטראַכט אין ריי,
זעט אַלץ, ווי א שלאַכט־פאָן פלאַטערט,
און אַרום איז שניי...
זעט ער: אַרום מאָסקווע טרײַער
שטייט דאָס גאַנצע לאַנד.
זעט ער: לענין גייט אין פײַער
מיט דער פאָן אין האַנט...

און דערבײַ אין שטילער ריי דאָ
מיט א װײַסן קאָפּ
אין מאַכשאָוועס שטייט דער זיידע,
קוקט פאַרטראַכט אַראָפּ.
...דוכט זיך — נעכטן... ס'איז באַם פויער

פול מיט זאָרג דער טאָג!
דורכן הויכן קרעמל־טויער
קומט ער — דער „כאָדאָק"...
לענין וואָרנט פון געפאר אים,
זאָרגט מיט אים באַנאַנד.
לענינס האנט ביז היינט איז ווארעם
אין דעם זיידנס האנט.
זון און אייניקל און זיידע,
און די ריי איז גרויס:
ס'שטייען דוירעס אין דער ריי דאָ,
שפאנען אלץ פאָרויס...

2

אין מיין טרוים און אף דער וואָר
בין איך אויך באם מאווזאָליי
מיט מיין פילגעפרווטן דאָר,
אין דער גרויסער לאנגער ריי
גיי איך אויך פאָרויס...
ס'איז מיין וועג געווען אָפט שווער.
און פון טאטנס אָרעם הויז
בלויז איין וועג געווען: אהער...
כ'האָב געהערט, ווי לענין זאָגט:
„שליס זיך איין אין גרויסן גאנג!
ס'גייט די ערד צו אזא טאָג,
וועלכער ווייסט ניט פון פארגאנג"...

גיי איך אף זיין הייסן רוף,
האלט איך הויך מיין גראָוון קאָפּ:
אז עס גייט די ערד ארוף,
קאָן ניט גיין מיין טאָג אראָפּ...

זײַן וואָרט

עס לאָזן אפּן יאַם קיין שפּורן ניט די שיפן,
עס לאָזט דעם מענטשנס פוס קיין שפּור ניט אפן ברוק:
און ס׳איז ניט שטאַרק דער האַרטסטער פעלדז געגנוג,
עס זאָל דער צײַטן־שטראָם אים ניט צעטריפן...

נאָר אייביק איז זײַן וואָרט, וואָס איז געשליפן
אַף שלײַפשטיין פונעם עמעס, פראָסט און קלוג —
דאָס וואָרט פון גרויסן האַרץ, דאָס וואָרט פון ווײַטסטן קוק —
און דוירעס גייען דרייסט אַף שפּור זײַנעם אַף טיפן.

זײַן וואָרט, וואָס ווי אַ שײַטער אַף אַ באַרג —
ווען ס׳האָט אַ שטורעמנאַכט אַף וועגן דיך געטראָפן, —
גיסט ליכט אין דיר און נאַרט נישט אָפּ דײַן האָפן,
און מאַכט דעם וועג דיר אָפן און דעם פוס דיר שטאַרק.

דאָס וואָרט, וואָס לאָזט דײַן ווערט און גוווּרע דיך דערקענען —
דאָס שטרענגע, וואַרעמע, דאָס טרײַע וואָרט פון לענין.

ס׳איז יעדער שפּאָן געהייליקט

אנטבלויז דעם קאָפּ! — ס׳איז יעדער שפּאָן געהייליקט
מיט בלוט און מי פון פּראָסטע מענטשן — העלדן!
און מיר איז ליב מיט טיפן שטאָלץ צו מעלדן,
אז אויך מײַן דאָר אין דעם עס האָט א כיילעק.

און וויפל דוירעס שוין יערושעדיק מײַן דאָר ציילט
אף אָט דער ערד, וואָס וואקסט מיט אונדז צוזאמען...
דאָ האָט געלעבט מײַן ליבסטער מענטש — מײַן מאמע,
און ס׳איז מײַן אורזיידע געווען שוין דאָ פארוואָרצלט!

שוין טויזנט יאָר מיר זינגען דאָ בא וויגן,
און אונדזער טרער נערט גרין די ברידער־קוואָרים...
און אינעם גרויסגעבוי — עס פעלט ניט אונדזער אָרעם,
און אינעם גרויסגעזאנג עס פעלט ניט אונדזער ניגן.

און אלץ איז לײַבלעך דאָ. די זון — א ווארעם היימליכט.
דאָס ווײַטסטע ווינקל — נאָ׳נט: ס׳איז דאָך סאָוועטיש היימלאנד!

כ׳בין א בוים...

דער מענטש און דער בוים — ביידע
מוזן האָבן וואָרצלען.

א ן א ל ט י י ד י ש ש פ ר י כ וו אָ ר ט

„ס׳איז דער מענטש ווי א בוים״ — דער פארגלײַך ווערט ניט אלט,
כאָטש מײַן קינדהײַט נאָך האָט אים פון זיידן געהערט.
און אויך איך בין א בוים — פון סאָוועטישן וואלד,
א פארוואָרצלטער טיף אין מײַן לײַבלעכער ערד.

און כ׳האָב ליב זי, מײַן ערד, מיט א לויטערער פרייד,
און עס פליסט דורך מײַן איטלעכן וואָרצל איר זאפט,
וואָס נערט אין א זון־שאָ דאָס ליד אף מײַן בייט
און ווערט בייס א שטורעם — פארוואנדלט אין קראפט...

און אז ס׳טוט מיר די הייך, ווי א קישעף, א צי
אין דער קאָסמישער ווײַט, וווּ די אומענד איז שווארץ,
איך נעם מיט זי, מײַן ערד, אין מײַן מעכטיקן פלי,
און איך הער דאָרט איר קאָל און איר מוטערלעך הארץ...

און איר אָטעם איך פיל, ווי אין פרילינג דעם ווינט,
אומעטום, און איר האנט, ווי זי גלעט מיך, איר זון.
און איך זע, ווי זי בליט, און איך זע, ווי זי גרינט,
און כ׳זע, ווי ס׳גייט אוף — און פארגייט ניט! — איר זון...

ליטע — מײַן וויגלאַנד

ליטע — מײַן וויגלאַנד, מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט,
וווּ ס׳האָט זיך מײַן כאָלעם מײַן ערשטער געלײַטערט
אין טיגל פון דאָרשט־בראַנד נאָך יושער און עמעס.
עס לויפן די יאָרן —
די האסטיקע צוגן!
איך האָב שוין פון לאַנג דיך פאַרלאָזט, זיך דערווײַטערט
פון ברעגן ווויליעס,
פון ברעגן דעם ניעמאַנס.
נאָר ס׳טרעפט אַזוי אָפּט:
דורכן מענטשן־געווימל
טוט ליב מיר א שמייכל מײַן וויגלאַנד — דײַן הימל.
און ס׳דוכט זיך מיר אָפּט,
אז דו האלטסט מיך באַם אָרעם
און טוסט מיך באַגלייטן דורך טרוימען און לידער.
דו היטסט דאָך ביז הײַנט מײַנע קינדערשע יאָרן
און נאָענט פון זיי — מײַנע לײַבלעכע קוואָרים.
און דײַנער א דעמב מיט פאַרמאָכיקטע גלידער
באַם שטעטל,
וואָס לאַנג שוין א גרויסשטאָט געוואָרן,
כ׳געדענק נאָך, ווי ס׳איז מיר אַמאָל
אין זײַן שאָטן
מײַן ערשטלינג־געדיכט צו פאַרגראַמען געראָטן.

כ׳האָב טרײַ דורכגעטראָגן דורך וועגן פון וואַנדער
מײַן ליטווישע היים, האָב איר לידער געשריבן.

געבענטשט זײַ, מײַן װיגלאַנד!
אין שײַן פֿונעם שטערן
דעם העלסטן — דעם רויטן,
דו בליסט זיך פֿאַנאַנדער.
זאָל קיינמאָל דײַן אויג מער
קיין טרויער באַטריבן,
זאָל קיינמאָל דײַן פֿרייד
דיר געמינערט ניט װערן!

א ליד וועגן טשערנאָוויץ

כ׳האָב ליב דיך — און וואָס איז דער וווּנדער! —
ביסט שיין, גראַציעז איז דײַן טראָט.
און מער פון א פערטל יאָרהונדערט
מיר לעבן צוזאַמען, מײַן שטאָט.

ביסט ראַש און געראָטן געוואַקסן,
אַזוי ווי מײַן קינד אַף מײַן שויס;
אַלץ ברייטער געוואָרן דײַן אַקסל,
אַלץ ברייטער דײַן שפּרײַזן פאָרויס.

אַף פּוסטלעכע בערגלעך און טאָלן
געהויבן עטאַזש נאָך עטאַזש —
מיט נײַע קוואַרטאַלן באַמאָלן
דעם אַלטן פאַרבענקטן פּייזאַזש.

פיל קינדערלעך דײַנע — פון וויגל
ביז צו דער פאַבריק כ׳האָב באַגלייט!
דו האָסט זיך פאַרוועבט אין מײַן ניגן,
דו האָסט זיך פאַרבויט אין מײַן פרייד.

דו האָסט אויך ניט איין מאָל מײַן טרויער
אין צערטלעכע אָרעמס פאַרוויגט.
דײַן הימל דײַן מילדער און בלויער
אין אויג בא מײַן אייניקל ליגט...

דו שטייסט איצט א פרילינגדיק־גרינע
באַם טיש, וווּ מײַן וואָרט איך פאַרזיי,
און ס׳דוכט מיר, דו האָסט, בוקאָווינע,
געהערט אויך מײַן ערשטן געשריי...

די באַלאַדע וועגן סאָנגמי

דער יוניע־באָס דזשאָרזש מיני האָט דערקלערט, אַז ער שטיצט אָן באַוואָרעניש ניקסאָנס פּאָלי־טיק אין וויעטנאַם. וואָס שייך סאָנגמי — איז דאָס אַ געוויינלעכער מילכאָמע־עפּיזאָד...

פון אמעריקאנער צייטונגען

א וויסטע מייסע האָט פּאַסירט
מיט יוניע־באָס דזשאָרזש מיני.
ער האָט פון זין זיך שיר געריַרט
אין יענעם גרוי־באַגינען.
ער כאַפּט זיך אויף, ווי פון א שטויס
א שווערן א צעוועקטער,
און זעט:
זיין קישן איז דורכויס
פון בלוט א דורכגעפּלעקטער!

און ס׳בלוט איז רויט, ווי ס׳זאָל נאָרוואָס
פון פרישע ווונדן פליסן,
און ס׳שטיקט א רויך אין האלדז, אין נאָז,
און קוילנוואַרפער שיסן...
און מיני — געל, ווי ס׳וואָלט פון אים
דאָס לעבן גיך אנטרינען,
וויל רופן, נאָר ער קאָן זיין שטים
אין גאָרגל ניט געפינען.

און ס׳ברענט זײַן אויג מיט וואנזין־גלוט,
און צאָן אף צאָן נעמט שפּרינגען —
עס טריפן ריטשקעלעך מיט בלוט
פון אלע זײַנע פינגער!
און באלד דער אָטעם אים פארכאפּט,
און ס׳הארץ איןביידע שלייפן קלאפּט,
אין קאָפּ נעמט רוישן, קלינגען.
און פּלוצעם — מיסטער מיני הערט,
מע קלאפּט אין טיר... און שווערער ווערט
אים יעדער ריר... און אף דער ערד —
צען ריטשקעס בלוט — צען פינגער!..

און ס׳עפנט זיך אליין די טיר.
א פרוי אין שווארצן שטייט אין איר.
דאָס קלייד איז ריין, כאָטש אָרעם,
און פון די אויגן פלאמיק פּראלט
א שטומער ווײ־געשריי —
זי האלט
א קינד א טויטס אין אָרעם!

און שטיל אזוי עס רעדט די פרוי,
ווי ס׳קינד ניט אופצוּוועקן.
נאָר יעדעס וואָרט — א קנויל פון גרויל,
אף מיניס קאָפּ — א שטעקן,
וואָס שמעטערט אים...
און שטיל אזוי
עס רעדט די שווארץ־געהילטע פרוי:
— באהאלט ניט הינטער רוקן
די בלוטיקע, די מערדער־הענט,
און הער זיך אוף צו רוקן
און זוכן שוץ בא דײַנע ווענט.
איך זע, דו האָסט דאָך מיך דערקענט, —
דו קענסט אף מיר ניט קוקן?

באהאלט זיך ניט! אומזיסט דײַן מי —
איך בין א מוטער פון סאָנגמי,
פון אָט דעם קינד די מאמע.
איך בין א צווײַג פון העלדן־שטאם:
מײַן בלוט, מײַן הארץ — אלץ איז וויעטנאם,
מײַן הייליק ערד וויעטנאמער!

אין לײַב מײַן קינדס עס ברענט דײַן קויל...
נאָר הערסט, ווי ס׳שרײַט זײַן קליינינק מויל —
און אייביק וועט עס שרײַען
און העכער אלץ:
— געדענקט סאָנגמי!
און העלפט קיינמאָל דעם הענקער מיט
מײַן זודיק בלוט פארדײַען!

דײַן בלוט איז קאלט, דײַן בלוט איז שווארץ,
און פוסט דאָס אָרט, ווו ס׳האָט א הארץ
געדארפט זיך דאָרט געפינען,
און מעג זײַן טויזנט מאָל סאָנגמי —
ביסט גרייט געטרײַ און אף די קני
צו זאָגן „יאָ!״, דזשאָרזש מיני...

בייג אײַן דײַן קאָפּ, קוק אײַן זיך גוט;
דו זעסט: דײַן דיל איז רויט געפלעקט —
דאָס צייכנסטו אליין דײַן וועג...
אף שפורן גיין איז גרינגער... —
דאָס פירט
צום שאנד־סלופּ
דיך מײַן בלוט...
...צען ריטשקעלעך — צען פינגער...

מײַן ברודער

צום אָנדענק פון מײַן ברודער מאני־יאָסל, דעם באגאבטן מײַסטער־דערציילער — מײַן ברודער דעם קאָדעש.

באנאכט צי באטאָג, אז איך בלײַב נאָר אליין,
קומט אָפטמאָל מײַן עלטערער ברודער צו גיין
פון ליטע, מײַן וויגלאנד, פון שטעטל קיידאן.
עס איז דאָרט א ריזיקער קייווער פאראן.
ער האָט אים געגראָבן מיט אייגענער האנט.
ער ליגט דאָרט מיט הונדערטער ברידער באנאנד.
פון לעצטן געשריי גרוילט נאָך אָפן זײַן מויל,
און ס'שטעקט נאָך אין שלייף די פאשיסטישע קויל.

עס שטעלט זיך דער ברודער אוועק בא מײַן זײַט.
די אויגן — צוויי היילן מיט פײַערן ווײַט...
פארגליווערט דאָס בלוט אף דער גרײַז־גרויער באָרד.
ער שטייט און ער קוקט, און ער רעדט ניט קיין וואָרט.
און פלוצעם דערזע איך אין גרויליקער ווײ:
עס מערט זיך מײַן ברודער... אָט איז ער שוין צוויי...
אָט שטייט ער פון לינקס, און אָט איז ער פון רעכטס...
און ס'הענגט אין דער לופט א פארדומפּענער קרעכץ.

און ס'זאָגט מיר מײַן ברודער: „געדענקסט דאָך מיסטאָם,
דו, אײנציקע צווײַג אף פארשניטענעם שטאם,

ווי כ׳האָב אָף די הענט דיך געטראָגן, א קינד,
און מײַסעלעך־וווּנדער פאַר דיר כ׳האָב געשפּינט,
און פּאַלעצן שיינע אָף אינדזלען געבויט...
איך האָב דיך דערמאָנט א מינוט פאַר מײַן טויט!

געדענקסט נאָך די זומער־פאַרנאַכטן, ווי כ׳פלעג
מײַסעס דערציילן אָן סאָף און אָן ברעג.
איך לייג זיי, ווי ציגל, א וואָרט אף א וואָרט —
און שלעסער און שטעט וואַקסן אויס אפן אָרט.
אַרום זיצן ייִדן פאַרטראָגן, מע הערט,
די מײַלער האַלב אָפן, פאַריסן די בערד.

„אַמאָל איז געווען”... אוי, ס׳וועט מער שוין ניט זײַן!
דער פּאַלעץ איז כאָרעוו, פאַרלאָשן די שײַן,
א פלעקל אַרײַן און א פלעקל אַרויס...
נישטאָ מאַני־יאָסל, די מײַסע איז אויס!”

אָ, ברודער! איך ווייז, און דאָס לעבן איז קלאָר,
דײַן טרוים־פּאַלעץ איז שוין געוואָרן א וואָר.
מיר האָבן געשטעלט שוין א פוס אף זײַן שוועל.
דער הימל ווערט לויטער, די ווײַטקײַט איז העל,
און וווּנדער־שיין ווערט אונדזער איטלעכע שאָ.
און ס׳טוט אזוי ווי מיר, וואָס דו ביסט נישטאָ!
דו וואָלסט דאָך געפרייט זיך, אזוי ווי א קינד,
און פרילינגדיק וואָלט זיך דײַן עלטער צעגרינט...

מײַן ברודער הערט שטיל, וואָס איך זאָג און דערצייל,
און טיף אין אן אויג זײַנס, ווי ווײַט אין א הייל,
א פּײַערל צינדט זיך, א פּײַערל גליט,
אזוי ווי בעשאַס ער פלעגט זינגען א ליד.
נו, ברודער, הייב אָן מיט דײַן וואַרעמען קאָל:
„געשען איז אַמאָל און געווען איז אַמאָל”...
...מײַן ברודער וויל שמייכלען, נאָר ס׳פּאָלגט ניט דאָס מויל —
עס שטעקט אינעם שלייף די פּאַשיסטישע קויל.

ארגענטינער מאָטיוון

1. ווו ס׳ווינט די אָרעמקייט

אין אונדזערע פארפראצעוועטע פאָרשטעט
פרעש אף זומפּנדיקע שימלען שפּרינגען;
און ס׳שפאצירן שטשורעס אום און פאָרשן,
ווו מע קאָן א ביסן כאפּן גרינגער.

און עס וואלגערן זיך הינט־ און קעץ־פּעגירעס
ביז דער „קוורע" עטלעכע מעסלעסן.
האָבן ווערעם אי אומזיסטע דירעס,
אי אומזיסטיק פליישיק־זאטן עסן.

זינגען אין די זומפּיקע פארנאכטן
גאנצע כמארעס פליגן און מאָסקיטן —
און אף מענטשן־לײַבער, מיד פארשמאכטע,
בליִען וווּנדן־פּײַערלעך צעגליטע.

לויפן קינדער אום, צעדארט און אָפּגעריסן,
שפּילן זיך און קראצן, און נערווירן...
און אף הענטלעך דינע און אף פיסלעך
רויטלען זיך און שווארצן זיך געשווירן.

פאלן מענטשן אָפּט אוועק אף וועג אינמיטן —
און פאַרקריצטער מויל אין לעצטן שרײַ איז
און עס ציִען זיך צו נאָ׳נטער טשאַקאַריטאַ[1]
שטילינקע און קלײנינקע לעווײַעס.

[1] טשאַקאַריטא — בוענאָס־אײַרעסער בעסוילעם.

2. פרישע מילך

א קליינער ארגענטינער זון־פארברוינטער יונג
טרײַבט א הערטל קי אף אָונטיקע גאסן,
און ס׳וויגן גלעקלעך זיך מיט גלײַכגילטיקן קלונג
אף העלדזער קײַשע, אף רימענדיקע פּאסן.

עס טראָגט דער ברוינער יאט איין קענדל אין די הענט,
און ס׳באָמבלט זיך א צווייטס באם גארטל נאָך פון הינטן;
און דאָ און דאָרט באם טיר — א קינד פון א קליענט
קוקט נײַגעריק זיך צו צום בעהיימישן געזינדל.

עס ארבעט פלינק דער יאט, ער קען זײַן ארבעט וויל,
און ס׳שוימט די מילך אין קענדל אונטער אײַטער,
און קעלבלעך שטום, מיט שלאָס מיט לעדערנעם אף מויל
קושן טרויעריק מיט אויג דער מאמעס זײַטן...

און ס׳זיפּצן קי מיט לאנגן טיפן „מו״,
אין אויגן קעלבערשע — א טעמפּער הונגעריקער יאָמער.
פארוואָס, ווען כ׳זע אָט די „פּארדינערקע״, די קו,
פלאמט אוף אין מיר דער הונגער פון נעקאָמע?

און ס׳דוכט מיר אלץ, אין ווײַסן שוים איז — סאם
פון בידנעם קעלבלס בלוטן אויסגעמאָלקן... —
מײַן נאָ׳נטסטע שכיינע איז אן אם,
און אפן שטערן אירן שטענדיק ליגט א וואָלקן...

3. גרינע אף „פּלאַסע רעטיראָ״

אין בראָטנדיקער היץ פון זומער ארגענטינער
אף פּאלמיקן רעטיראָ־פּלאַץ, צוקאָפּנס בא די בלומען,
זיי זיצן שורעסווײַז — די ברידער מײַנע גרינע,
די קעפּ אראָפּגעלאָזט, פּארמאטערטע, און שטומען.

טראַמווײַען, אויטאָס, אָמניבוסן טאנצן,
און ס׳קלאפּט דאָס הארץ און זוכט, גלײַך צו א שטעקן
פון א בלינדן.
אין אימיגראנטן־הויז, אין שמוץ און פליי און וואנצן,
לאָזט איבער נאכט אין קאָפּ א גרויען מידן שווינדל.

ס׳האָט פון איטאליע זיי די בײַטש פון נויט געטריבן.
ס׳האָט אקער ניט געהאט קיין ערד, ווו צו שפּאצירן.
פאבריק האָט זיך פארמאכט, אן אויסגעלאָשענע געבליבן.
פאשיזם האָט דעם מארך אין קאָפּ פארווערט זיך רירן.

האָט אלע טאָג דאָס קינד געוויינט אין צײַט פון עסן,
און ארבעטלאָזע האבט געגאָגט האָט און געווייכט זיך...
ווען לאנג נאָך דויערן, ביז היים וועט זיך פארגעסן —
אָט איז זי נאָך דערבײַ! — כאָטש שטרעקט זיך, הענט,
און גרייכט זיי...

...אנטקעגן איז דער פּאָרט. א וואלד פון מאסטביימער
און קוימענס,

א שיף־סירענע קלאָגט מיט טרויער פון געזעגן...
און ס'מאָלט זיך נאָך דער יאם מיט פלוספעדערס
פון שוימען,
און ס'ציט צוריק צו די פארלאָזטע ברעגן.

פארטראכט מען זיך א רעגע — און דער שטייגער
פון אלטער היים בליט אוף אין פרעמדע בלומען...
נאָר ס'קלינגט אף פלאַסע טורעמדיקער זייגער:
— אוועק די צייַט! אוועק די היים! געבליבן ווי און
קומער!

און ס'דרייט זיך אַלץ די שטאָט אזוי און שווינדלט.
קיין ארבעט, און קיין כאַוועך, און קיין דירע... —
אָ ברידער מייַנע, גרויסע טרויעריקע קינדער,
גרינע ברידער מייַנע אף רעטיראָ!


מײַן
דער

איך שטיי באַם שפּיגל פון מײַן זיקאָרן

איך שטיי באַם שפּיגל פון מײַן זיקאָרן,
און מאָדנע זאכן דערזע איך דאָרט:
אָט איז דער טאַטע — אין מײַנע יאָרן.
איך בין דער טאַטע, נאָר אָן זײַן באָרד.

די זעלבע אויגן — צוויי אָוונט־שויבן,
נאָר ס׳שפּילט אף זיי נאָך מילד די זון.
...די יאָרן פֿליִען, ווי שאַרעס טויבן,
פאַרבײַ דעם טאַטן, פאַרבײַ דעם זון.

אף הויכע שטערנס — געניטער סייכל,
מיט דינע קנייטשן געדיכט פאַרוועבט.
און אף די ליפּן — קוים־קוים א שמייכל:
ס׳האָט אייביק קיינער דאָך ניט געלעבט!

מיר שטייעןביידע, דעם קאָפּ פאַרהויבן,
און טרינקען דאָרשטיק די ווילע זון.
און יאָרן פֿליִען — פאַרבענקטע טויבן
פאַרבײַ דעם טאַטן, פאַרבײַ דעם זון...

אינמיטן דער וועלט

מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלט,
צעעפנט פון אלע פיר זײַטן;
און ווער נאָר עס קומט פון דער ווײַט,
און ווער נאָר עס גייט אין די ווײַטן,
לאָזט איבער א סליאד אין מײַן אויג,
לאָזט איבער אן אָפקלאנג אין אויער.
מיך גייט קיינעמס פרייד ניט פארבײַ,
און ס׳לאָזט מיך ניט קאלט קיינעמס טרויער.

איך זע, ווי עס גייען צום יאם
די טײַכן אין אייגענע ברעגן,
און ס׳גיסט מיט געזאנג זיי צונויף
דער יאם — די באזונדערע וועגן.
און יעטווידן טראָפן איז גוט:
ער איז פונעם יאם דאָך א טראָפן!

מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלט.
ס׳איז שטענדיק די זון מיר צוקאָפּנס,
און כ׳קאָן ניט געפינען דעם שטריך,
וואָסביידן עס טיילט אונדז פאנאנדער:
דאָס פיצעלע לאנד פון מײַן איך,
די וועלט אין איר זוניקן וואנדער...

אין מײַן מוזיי

(פראגמענט)

אף שטילע ראכוועסן פון מײַן זיקאָרן
האָב איך א לעבנלאנג געבויט זיך א מוזיי.
ס'איז יעדער טאָג אהער ארײַן אף יאָרן,
באהאלטן דאָ זײַן בענקשאפט און זײַן וויי,
זײַן טרויער און זײַן פרייד,
דעם שײַטער פון זײַן לײַדן,
די בלענד־שײַן און זײַן גליק, זײַן דאָרן און זײַן רויז,
און אלץ, און אלץ, וואָס קיינער קאָן נישט מײַדן —
ניט מענטש, ניט פאָלק, ניט וועלט —
אין גרויסן גאנג פאָרויס
דאָ איז איין טרוים — אראָפּ,
א צווייטער — הויך געפלויגן,
און ס'האָט די צײַט געזאָגט צו מיר:
— מײַן זון,
היט אָפּ דאָס אלץ, ביז ס'וועט אין דײַנע אויגן
צום לעצטן מאָל פארלעשן זיך די זון.

...פאראן א זאל... כ'האָב ליב דאָ צו פארברענגען:
דאָ איז מײַן טאטע־מאמעס מאוזאָליי.
צוויי פלאכע בערגלעך. און אין שטילן בענקען
מײַן קינדהײַט שטייט געבויגן לעבן זיי.
א פויגל פליט פון בוים צו בוים אריבער

אן עלנטער. ס׳איז שוואַך. ס׳איז אַלץ אַרום פּאַרקילט.
נאָר ס׳ליגט דאָך דאָ די הייסטע ליבע,
וואָס עמעצער האָט וועגן צו מיר געפילט!
דער טאַטע גייט אַרויס און זעצט זיך ווידער
צום שנײַדערשן מאַשינדל און ער זינגט.
ס׳איז טיפע נאַכט. ס׳איז אומעט אין די לידער.
דאָס קליינע נאַפט־לעמפּל — עס טוקט זיך און עס ווינקט,
און ס׳לויפן שאָטנס אום אין פּײַכטן קעלער,
ווו ס׳האָט איין ווענטל שימלדיק געגרינט.
דער טאַטע זינגט און טרײַבט די ראָד אַלץ שנעלער,
זאָל שנעלער פאַרטיק זײַן אַ בולקע פאַר זײַן קינד!
דער זון וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, אַ געזונטער,
און אַ געלערנטער — און עס וועט זײַן אים גוט.
דער טאַטע זינגט
איך שטיי באַם גרוב. כ׳האַלט אונטער
זײַן אומעטיקע ליד פון דאַלעס, שווייס און בלוט.

...אָ, מאַמע, שטייסט נאָך אַלץ מיט הענט פאַרשטעלטע אויגן
און בענטשסט די שאַבעס־ליכט, און טרער נאָך טרער
פון אונטער דײַנע הענט, זיי פאַלן שטיל און לייגן
זיך אויף מײַן האַרץ, ווי פּײַער־האָגל, שווער,
די בלייכע ליפּן דײַנע שעפּטשען שטיל אַ טפילע,
נאָר ס׳האָט דײַן גאָט דיך קיינמאָל ניט דערהערט.
אַ קראַנקע, אַ פאַרמאַטערטע, אַ שטילע,
האָסטו אָן פרייד געפירט אויף דער ערד.
די קינדער האָט די נויט צעשלײַדערט איבער יאַמען.
דעם עלטסטן זון, וואָס האָט די אויגן דיר פאַרמאַכט,
האָט אַן עסעסאָווער מיט ווײַב און קינד צוזאַמען
דערוואָרגן איינציקווײַז.
אַ זומערדיקע נאַכט
איז דאַן באַם קיווער דײַנעם דאָ געשטאַנען
און דײַן מאַצייווע־שטיין דערציילט די וויסטע שרעק...
אָ, מאַמע, ווי ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז דער טויט פאַראַנען
און דו ביסט צו דער צײַט מיט אים אַוועק!..

פון אונדזער גרויסער האַרציקער מישפּאָכע
בין איך דער איינציקער געבליבן אויף דער וועלט,
נאָר ס׳וואַרעמט מיך דײַן בליק נאָך און דײַן בראָכע,
וואָס קינדווײַז נאָך פון צאַר האָט מיך פאַרשטעלט.
און ס׳איז מיר ליב אַזוי גאַנץ אָפט אַהער צו קומען,
צו אָט די בערגלעך צוויי, און טראַכטן אינדערשטיל,
אַז כ׳האָב אײַך אַלעמען אין זיך אַרײַנגענומען,
און כ׳קאָן זיך זען מיט אײַך, ווען נאָר איך וויל...

מײַן קינדהײַט

מײַן קינדהײַט — א בילד, וואָס עס דאַרף
דאָס אויג בלויז פונוויַיטן געניסן:
דאָן זײַנען די שטריכן ניט שאַרף,
דער לײַוונט — אָן פלעקן און ריסן...

דאָן בלײַבט בלויז א הימל אין בלוי,
און זון בא דעם הימל אין האַרצן,
און זעסט ניט דאָס פּײַנלעכע גרוי,
און זעסט ניט דעם הונגער דעם שוואַרצן.

אָט איז זי, די מאַמע: פון ווײַט
זי שמייכלט אין שײַן אין צעהעלטער,
און זעסט ניט איר אומעט, וואָס שרײַט
פון פרי אָנגעלאָפענער עלטער!

און אָט איז דער טאַטע... אָ, הער:
ער זינגט אַזוי שיין בא דער אַרבעט, —
ס'דערגייט בלויז זײַן ניגן אַהער,
דו הערסט ניט די ווערטער די האַרבע.

דו גייסט איבער שטעטל — א קינד,
און אויגן באַגלייטן דיך ליבלעך.
און הערסט ניט דעם זיפץ, וואָס דער ווינט
טראָגט אָן פון די קאַרליקעס — שטיבלעך.

מײַן קינדהײַט — א בילד, וואָס עס /דאַרף
דאָס אויג בלויז פֿונוויַיטן געניסן,
דאָן זײַנען די שטריכן ניט שאַרף,
דער לײַוונט — אָן פּלעקן, אָן ריסן...

יונגע יאָרן

כ׳ווייס ניט, ווו כ׳האָב זיי פארלאָרן,
כ׳האָב געהיט זיי ניט גענוג;
ס׳זײַנען מײַנע יונגע יאָרן
אָפּגעשטאנען פון מײַן צוג...
כ׳ווייס ניט, ווו זײַנען פארבליבן
מײַנע גוטע יאָרן זיבן!

וואָלט איך זוכן זיי געגאנגען,
איך געדענק דאָך גוט דעם וועג,
איז ער אָבער א צו לאנגער
פאר א לעצטן הײַפל טעג,
און די שפּורן לאנג פארשאָטן,
און פארמעקט מײַן שלאנקער שאָטן...

אלץ ארײַן אין שטומען טהאָם איז,
אין דעם טהאָם, וואָס הייסט „אמאָל״, —
פריידן, צאָרעס, דרײַ מילכאָמעס,
און... א מענטש איז ניט פון שטאָל.
צוויי מאָל יונג זײַן ניט באשערט איז,
און דער וועג צוריק פארווערט איז.

כ׳קאָן אהינטער בלויז א בליק טאָן!
כ׳שטיי אין בענקעניש פארוועבט

אפֿן פֿינף־און־זיבעציקסטן
שטאפּל פֿונעם שווערן טרעפּ.
און דאָס האַרץ — ס'האַלט אין איין צאַפּלען:
זאָל זײַן שווער — אַבי נאָך שטאַפּלען!

ווּ זײַט איר

אוי, ווּ זײַט איר, פֿרײַנט, איר אַלע,
וואָס באַנאַנד מיט מיר געלאָפֿן
זײַנען ראָש די טעג אַנטקעגן,
אַז פֿאַרכאַפּט עס האָט דעם אָטעם!
אונדז געװאָרפֿן הונדערט װעגן,
אַלע ברייט און אַלע אָפֿן,
אַזאַ פֿולער צוטרוי־וואָטום...

מיר פֿון שול־גאַס, מיר פֿון באָד־גאַס,
פֿון די ניט ברוקירטע ליקלעך,
מיר, די דאַרע דאַלעס־קינדער
מיט פֿאַרכאָלעמט־גרויסע אויגן,
אין אַ מײַסע־וועלט פֿאַרקישעפֿט,
זײַנען אָפּט געוועזן גליקלעך,
און געגאַן צו וועלט דורך טויער
פֿון אַ פֿרילינג־רעגנבויגן...

און די זאַמדיק־קאַרגע פֿעלדער
פֿון מײַן ליטע־היים און זשאַמעט,
און אַ ליאַדע שמאָלינק טײַכל,
וואָס צום מינדסטן ווינטל פֿילבאַר, —
אַלץ איז וווּנדער־שיין געוועזן:
פֿרילינג אין זײַן גרינעם סאַמעט,

אין זיַין גאָלד־געשמעלץ דער זומער,
און דער ווינטער אין זיַין זילבער...
...ס'האָט די נויט אונדז גיך צעשליַידערט
איבער יאמען, איבער לענדער.
כ'האָב אזוי נאָך איַיך פארבענקט זיך,
ווען אין פרילינג גרינער ווינט האָט
מיט די ביימער בא מיַין פענצטער
אויסגעזונגען די לעגענדע,
וועלכע הייסט דעם סאמע שענסטן,
סאמע ליבסטן נאָמען: קינדהיַיט!

באם פענצטער

...אָט זע איך זיי, די יאָרן מײַנע, לויפן
פון שטילע שמאָלע שטעטלדיקע הויפן
מיט פרייד מיט לויטערער דער וועלט אנטקעגן,
ווי ס׳לויפן קינדערלעך מיט אויסגעשטרעקטע הויפנס
צו שעפן פונעם פרילינגדיקן רעגן.

אָט זע איך איבער ביכער זיך געבויגן
מיט טרוימענדיקע הייס־פארגלייבטע אויגן.
דער ווינט פון לאָנקע — פריש געשניטן היי איז...
איך בין — דער פארבנרײַכסטער רעגנבויגן
פון העלסטער פרייד ביז בלײַיק־גרויער ווייַ איז...

דאָס הארץ מײַנס, ווי די פרילינג־נאכט, ווײַט אָפן.
פון גאָרן מײַנעם כ׳זע די געסלעך שלאָפן.
פון יעדער שטוב דעם אָטעם כ׳קען דערקאָנען.
באם פענצטער איז נאָרוואָס א שטערן דורכגעלאָפן.
אף בלויע שינדל־דעכער דרעמלט די לעוואָנע.

איך לייען פערעצן. ער הייסט אין ווײַט מיר קוקן.
איך זע א דאָר מיט פליגל אפן רוקן.
איך פרעג בא זיך: ביסט דרייסט שוין און געלײַטערט?
כ׳וועל באלד מיט פליגל־פּאָך די ווענט צערוקן
און וועל אוועק אלץ העכער און אלץ ווײַטער!

איך רייד מיט פּושקינען. כ'זע נאָך איין גרויסן איקער:
די וועלט איז — לעבנסלוסט, די וועלט איז — כאָכמע־קוואלן...
...אַט נאָך אַ שטערנדל — געוויס פון ליבע, שיקער —
האָט שטיל א שפּרונג געטאָן און איז געפאלן!
אָ, ליבע ייִנגל־צײַט! איך האלט נאָך ערשט פון פאָרנט,
און גוט איז מיר: פון קיינעם ניט געוואָרנט,
איך לאָז אין ווײַטן זיך, איך פלי אין הייכן.
און וועלט איז יונג — מיט מיר אין איינע יאָרן...
זי זאָגט: פארלאנג און וואג — און וועסט דערגרייכן!

ס׳ווערט אזוי ווארעם

יעסעניןֹ! וואָס ווײַטער, אלץ ווערן
מיר נעענטער דײַן וואָרט און געמיט.
ס׳איז אָפּט אזוי גוט מיר — ביז טרערן —
צו הערן דײַן הארציקע ליד.

איך ווייס, אז דו האָסט נישט קיין שײַכעס
געהאט צו מײַן ליטווישער ערד,
און ניט מײַן נעוויאזשע דײַן טײַך איז,
פון סמילגער גאס האָסט ניט געהערט;

און אויך ניט מײַן באָר האָט דערצויגן
דײַן שלאנקע בעריאָזקע, — און דאָך
עס גייען מיר נאָך דײַנע אויגן,
די בלימלעך אין קאָרן, און נאָך...

און ס׳ווערט אזוי ווארעם! — איך פיל גאָר,
ווי כ׳וואָלט דיך אליין איצט געהערט,
און ס׳איז אזוי ליב מיר, דעם סמילגער,
דײַן אלטע ריאזאנישע ערד!

דער קאָבזאַר פון מײַן קינדהײַט

נאָך גאָר א פּיצל קינד, אף איינעם א יאריד
אין שטעטל מײַנס, מיט נאָך א מאכנע קינדער
האָב איך געהערט, ווי ס'זינגט א וואנדערער א בלינדער,
ס'פּארגייט דאָס הארץ זײַנס זיך אין ליד.

אן אלטער מאַן. דער קאָפּ מיט גרוי באשיט.
עס גלעטן די באנדורע פינגער נישט געשווינדע...
זײַן וואָרט כ'האָב ניט פארשטאַנען. נאָר דער לינדער,
דער שטילער ניגן איז ארײַן אין מײַן געמיט.

ארײַן — און שוין אף שטענדיק דאָרט פארבליבן.
און אָפט, אין נעכט פון ספּייקעס און פון צאר,
כ'האָב נאָכאמאָל געהערט אים, אזא ליבן,
און נאָכגעזונגען אים, און טיף געטאָן געדענקען.

כ'האָב קיינמאָל מער געזען דעם אלטינקן קאָבזאר,
נאָר כ'האָב זײַן ליד געפונען — בא שעווטשענקאָן.

האפיז

עפּעס נאָגט מיך... זאָגט מיר, מענטשן,
וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? —
ס'איז פאַרליבט האַפּיז, דער אַלטער,
ווי אַמאָל, פאַרצײַטן!

האַפּיז

שוין זאַט אין יאָרן איז דער האַרציקער האַפּיז —
איראַנס באַליבטער און געגרויסטער זינגער.
ער זיצט אין לענשטול, און אַ לופטיק־גרינגע,
מיט האַרף אין האַנט — פאַטמאַ בײַ זײַנע פיס.

דאָס מיידל זינגט זײַן ליד, פאַרבענקט און זיס
עס קושן יעדע סטרונע אירע פינגער.
דאָס אַלטע האַרץ דעם דיכטערס ווערט אַלץ יינגער,
נאָר אומעטיקלעך־שטיל זײַן קלוגער שמייכל איז.

פאַטמאַ איז אַכצן אַלט. דער ציטער פון איר ליפּ,
די בענקשאַפט אין איר אויג איז ניט אין אים פאַרליבט.
זי ליבט דאָך ניט דעם מאַן, וואָס פאַרבט די באָרד די גרויע...

די זון איז הייס. דער הימל בלענדיק־בלוי איז.
נאָר ס'איז דעם דיכטער קאַלט. און ס'שטיקט אַ טרער אין האַלדז.
ער פילט, ווי ס'זינגט די האַרף: „דער רום איז נאָך ניט אַלץ"...

עס שפילט זיך א קעצל...

עס שפּילט זיך אַ קעצל אויף דר׳ערד מיט אַ זוניקן „העזל״,
אַ קעצל אַ ווײַס, מיט אַ שוואַרצינקן פלעק אויפן נעזל...
וואָס איז דען? ס׳האָט גאָרנישט געטראָפן. נאָר ס׳האַרץ מײַנס — עס פּיבערט:
דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע קעצל פון קינדהײַט מײַן ליבער!..

דאָס זעלביקע קעצל! עס וואַקסט ניט, עס שטאַרבט ניט, עס שפּילט זיך...
עס האָט נאָר דאָס זוניקע „העזל״ אַ ביסל אין שאָטן פאַרהילט זיך.
כ׳בין גרייט איצט, ווי קינדווײַז, אַ שנעל טאָן אין נעזל אין שוואַרצן.
ס׳איז בלויז צוגעקומען אַ ביסעלע בענקשאַפט אין האַרצן.

אַ מיידעלע שפּרינגט אַרום קעצל, אַ שפּיגעלע האַלט עס, דאָס פּיצל,
און טוט מיט זײַן אָפּשײַן דעם קעצל אין אויגן אַ קיצל.
דאָס קעצל בייגט אויס, ווי אַ טיגער באַם שפּרינגען, דעם רוקן,
פאַרמעסט זיך מיט אימפּעט דאָס שטיקעלע זון צו פאַרצוקן.

וואָס איז דען? ס׳איז גאָרנישט. וואָס האָסטו זיך, בענקעניש מײַנע,
צעזונגען מיט שטילן באַדויער? צו וועמען די רייד און די טײַנעס?
דעם צווייט פון די פרילינגן דײַנע פון לאַנג שוין פאַרווייעט דער ווינט האָט...
פאַראַן אַזאַ קעצל, וואָס שפּילט זיך, אין יעדערנס קינדהײַט!

א שטיקעלע גאָלד

דאָס הויז, וווּ איך וווין,
איז געמיטלעך און גרויס:
ס׳האָט צענדליקער דירעס,
ס׳פּילשטאָקיקע הויז.
און כ׳קען קוים די שכיינים
פֿון מײַן קאָרידאָר.
מיר גריסן זיך העפֿלעך —
א נייג זיך, און גאָר.

און דאָך, אז עס פֿאָרט עמעץ אָפּ
פֿון מײַן הויז,
און עמעצער גייט אים
באגלייטן ארויס,
און כ׳זע אין די אויגן
פֿון דעם, וואָס באגלייט,
דעם טרויער און וויי
פֿון פארלוירענער פרייד, —

אויך מיר אומגעמיטלעך
עס ווערט, ווי איך וואָלט
פארלוירן פֿון הארצן
א שטיקעלע גאָלד...

אונדז באגלייט געזאנג

אונדז באגלייט געזאנג
נאָך פון וויגל אָן.
...ס׳האָט א לעבן לאנג
א פארבענקטער קלאנג
און א שטילער טאָן
מײַן געמיט באגלייט —
און עס האָט געפרייט,
און ס׳האָט וויי געטאָן...

ווען דער טאָג זיך טרינקט
אין צעשמאָלצן גאָלד
און די נאכט שוין הענגט
איבער בארג און טאָל,
הער איך, ווי עס בענקט
עמעץ אפן קאָל
טיף אזוי און שיין —
עפשער איך אליין?..

* * *

זײַן זאָל געבענטשט די גרויסע ליכטיקײַט,
וואָס לאָזט פאר שאָטנס נישט קיין אָרט! —
די שטרענגע פּאָשעטע אופריכטיקײַט
אין אויג, אין הארצן און אין וואָרט.
דער נעפּל־שלייער און דער רעמעז איז
צומאָל א שווינדלערישע קאָרט.
אָ, פּראָסט און לויטער אונדזער עמעס איז
מיט קלוגשאַפט פּאָלקישער געפּאָרט.
די שווערע נעפּלשע געדיכטקײַט
דערלאָזט די שיפן ניט צום פּאָרט... —
זאָל זײַן געבענטשט די פולע ליכטיקײַט
אין אויג, אין הארצן און אין וואָרט!

דאָס ליכט פונעם וואָרט

דאָס ליכט פונעם וואָרט
איז פיל שטאַרקער און העלער
פון בלענדיקסטן זונשטראַל
אין גאָלד־בלאָנדן יון —
אפילע ווען ס׳האָט עס
געבוירן א קעלער,
א קעלער, וואָס ווייסט בלויז
פון בענקען נאָך זון.

דער מעכטיקסטער שטראַל
קאָן דעם וואָלקן דעם שווארצן,
וואָס דריקט דאָס געמיט דיר,
ניט רירן פון אָרט, —
עס ווערט אָבער כ׳עסדיק
ליכטיק אין הארצן,
ווען ס׳פאַלט דאָרט איין פונק
פון א צערטלעכן וואָרט...

ס׳האָט קיינמאָל, נאָך קיינמאָל
אין פלאָנטער פון וועגן
דער העלסטער לאַמטערן
דײַן גאנג ניט פאריכט,
אויב ס׳איז ניט געקומען
מיט הילף דיר אנטקעגן
א קלוג מענטשלעך וואָרט
מיט זײַן פירנדיק ליכט...

מיר, די גראָווע

די ווייניק געבליבענע דיכטער
פון מײַן דאָר — מיט ליבשאפט.

מיר, די גראָווע, די געניטע,
מיטן ווייכן גוטן שמייכל
אין די בענקענדיקע אויגן,
אין די אויגן אין די יונגע, —
ס׳איז זיך יעדער מיט זײַן שיטע,
מיט זײַן מאזל, מיט זײַן סייכל
דורך זײַן וועלטל דורכגעפלויגן
און אין פלי א ליד געזונגען.

פול מיט צארטקײַט, פול מיט ווייען,
מיט א הארץ, וואָס פליסט אריבער
מיט זײַן ליכטיקײַט, כאָטש נעם עס
און באטייל מיט שײַן מיט טרײַער
אלע די, פאָרויס וואָס גייען, —
אונדזער גרויסע, גרעסטע ליבע
איז געווען און איז — דער עמעס,
דער באפרײַער און באנײַער.

געלאָזן אָפן

איך האָב אַף נאכט מײַן טיר פארשפארט
און שטיל געלייגט זיך שלאָפן.
נאָר כ׳האָב אומזיסט נאָך רו געגארט:
כ׳האָב ס׳הארץ געלאָזן אָפן.
און כ׳בין אהין ארײַן, באגלייט
פון בענקלעכע געפילן —
און דאָרט א גאנצע נאכט געדרייט
דאָקומענטאלע פילמען...

פארכאפט געקוקט, ווי מײַן עקראן
אָט טונקל ווערט, אָט ליכטיק... —
ס׳גייט יעדער מענטש בא וועלט אין שפאן
און לעבט אין איר געשיכטע.

און ס׳איז איר פרייד, איר ווײ אין מיר
קיין רעגע אײַנגעשלאָפן.
כ׳האָב ערעוו נאכט פארמאכט מײַן טיר,
נאָר ס׳הארץ געלאָזן אָפן...

איך זינג דעם מענטש

יורי גאגארינס אָנדענק

איך זינג דעם אָדלער נישט קיין לויב —
איך בין פון קינדוויַיז קעגן:
ער לעבט פון מאָרד, ער לעבט פון רויב,
ס׳רינט בלוט פון זיַינע נעגל.
ער לעבט אליין, פאר זיך אליין
אף קאלטן וויסטן פעלדזנשטיין.

ער לעבט בא פרעמדע אפן קארק
און ווארפט אָן שרעק פונדאנען.
יאָ, פליגל האָט ער, ברייט און שטארק, —
ניין, כ׳בין אים נישט מעקאנע.
איך נעם אים פאר קיין מוסטער ניט —
מיַין ברודער־מענטש דאָך העכער פליט!

מיַין ברודער־מענטש דער ערשטער האָט
דעם קאָסמאָס אופגעריגלט
און דאָרט געמאכט דעם ערשטן טראָט
אף אייגן־טריַיע פליגל.
איך זינג דעם מענטש — דעם האר אין אים,
ווען ס׳דינען העכסטע הייכן! —
איך טראָג אין הארץ — גאגארינען
און פיל ביז איצט זיַין שמייכל.

פאַרגעפּיל

כ׳בין דעמלט נאָך געווען א יינגל א פארטרוימטס,
און ס׳האָט די זון אין מיר געהאלטן אין איין אופגיין,
און ווי א פערד א יונגס, נאָך קיינמאָל ניט געצוימט,
ס׳געמיט מיינס גרייט געווען אף ווילדסטן רוף גיין.

און איינמאָל אין א פרילינגדיקער נאכט
דורך פענצטער אָפענעם פון מילכוועג איז א כאָלעם
אריין צו מיר — א מאלבעש מיר געבראכט
און מיר געהייסן, אָנמעסטן איך זאָל אים.

א מאָדנע אָנטועכץ... — און כ׳האָב אין פיס און הענט
פארלוירן גאָר די וואָג, אין גרויער לופט געהאנגען...
...כ׳האָב אָט דעם מאלבעש אף גאגארינען דערקענט,
ווען ס׳איז צו אונדזער שוועל דער קאָסמאָס צוגעגאנגען.

כ׳האָב זעכציק יאָר געטראָגן אינדערשטיל
דעם רוף פון העכסטער הייך,
ווו ס׳ווארט דער סאָד דער גרעסטער,
זאָל זיין געבענטשט אין אונדז דאָס גרויסע פאָרגעפיל,
דאָס וואונדער־פידעלע אינעם געמיט־אָרקעסטער!

אין יענעם טאָג

פאַרנאַכט, ווען מילדע ווינטן פליסן,
ביסטו, ווי אַלע, אויף דער גאַס...
און קיינער וועט פון גאָרניט וויסן,
ביז ס'וועט ניט אויסזאָגן דער „טאַסס"[1]
דעם נאָמען פון דעם ערשטן מענטשן,
וואָס האָט זיין פוס אויף מאַרס געשטעלט,
און ס'וועט דעם נאָמען דיינעם בענטשן
די גאַנצע טיף אַנציקטע וועלט!

צי בין איך אויף דיין גליק מעקאַנע? —
געוויס, אוודאי, אָן א שיר...
דאָך עפּעס איז אזוינס פאַראַנען,
אויף וואָס מעקאַנע ביסטו מיר:
ביז היינט מיין אויער האָט פאַרזיגלט
„אווראָרעס" זאַלפּ, וואָס כ'האָב געהערט
אין טאָג, וואָס האָט די שטאַרקסטע פליגל
געגעבן אונדזער שיינער ערד.

אין יענעם טאָג, וואָס וועט ניט שטאַרבן,
וואָס האָט די העכסטע הייך דערזען, —
אין יענעם ערשטן פלי דעם האַרבן
איז אויך שוין דיין מאַרשרוט געווען...

---

[1] טעלעגראַף־אַגענטור פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון מענטש צו מענטש

דער מענטש האָט טיפֿן צוטרוי צו דער ערד:
ער זייט די קערנער זײַנע
אָנהייב פרילינג,
און ווייסט:
זי וועט זיי היטן פון פארקילונג
און זיי אים אומקערן, נאָך פילפאכיק פארמערט!
און צוטרוי האָט דער מענטש צום בוים
בא זיך אין גאָרטן,
צום אויבס און צו די בלומען אף דער בייט:
ער ווייסט,
זיי ציִען זיך מיט זיכערקײַט און פרייד
צום הימל,
ווארטנדיק אף רעגנס ווארעמע פון דאָרטן.

דער מענטש שענקט פולן צוטרוי
דער מאשין:
ער גלייבט איר,
אז זי וועט אָן מינדסטע גרײַזן
אין קאָסמאָס
מאכן די באשטימטע קרײַזן,
און ברענגען אים צוריק אהין,
ווו ס'ווארט די ערד אף אים
מיט מיליאָנען אויגן,

און מיט א הארץ, וואָס קלאפּט,
ווי ס׳וואָלט אליין געפלויגן...

און ס׳טרויט דער מענטש
באם אײַנבויען דעם שטיין,
אז ער וועט זיכער, פעסט
דאָ א יאָרטויזנט שטיין.

ס׳איז זיבנפארביק שיין
דער רעגנבויגן,
נאָר דו, מײַן ערד, די שיינקײַט ביסט אליין!
און ס׳וועט דײַן יעדער טאָג,
מײַן ערד,
מיט גליקפרייד זײַן געבענטשט,
דעם האס, דער פּײַן וועט זײַן פארווערט
צו דיר דער צוטריט,
ווײַל ליבעפול וועט היטן דיך
דער צוטרוי
פון מענטש — צו מענטש!

מײַן טרײַע שװעסטער

מיר זײַנען א צװילינג. צוזאמען געבאָרן
אין אײנעם א קעלער, אין דאכקעס און ענגשאפט.
מיר לעבן באנאנד שױן פיל צענדליקער יאָרן —
איך און מײַן ליכטיקע שװעסטער: די בענקשאפט.

מיר זײַנען צוזאמען דורך לענדער געגאנגען,
געװאנדערט — געװאנדלט, געקרײצט אָקעאנען,
פון פרײד און פון טרױער געשפּונען געזאנגען, —
און ס'זײַנען די טעג אף אן אָרט ניט געשטאנען.

זײ זײַנען מיט אָטעם פארכאפּטן געלאָפן,
װי ס'לױפן פארבײַ א קוריער־צוג די פעלדער.
און ס'האָט מיט מײַן שװעסטער א װונדער געטראָפן:
עס מאכט זי די צײַט אף א רעגע נישט עלטער!

מײַן שװעסטער האָט הײסע און דאָרשטיקע אױגן,
פארמאָסטן אף װײַטן, אף טיפן, אף הײכן,
מיר זײַנען מיט איר שױן אין קאָסמאָס געפלױגן.
נישטאָ אזא הײך, װאָס זי פּרוּװט ניט דערגרײכן.

און קײנמאָל עס װערט איר פארמעסטונג ניט קלענער,
און שטענדיק דער טרױמען־דאָרשט אירער װערט גרעסער.
זי זאָגט: אלץ, װאָס שײן, קאָן דאָך װערן נאָך שענער,
און אלץ, װאָס איז גוט, קאָן דאָך װערן נאָך בעסער...

דער ברודער ווערט מיד, ווערט אלץ גרויער און גרויער.
די שוועסטער — גייט לײַכט, מיט א טראָט מיט א שנעלן,
און זאָגט מיט א שמייכל דעם ברודער אין אויער:
— ווערסט רוען זיך שטעלן — ווערסט לעבן פארפעלן...

איז, שפאנענדיק, פרעג איך: — דערקלער מיר דעם וווּנדער,
ווי האָסטו אזוי זיך פארזיכערט פון עלטער?
צעזינגט זי זיך הילכיק: — דו פרעג באם יאָרהונדערט,
און פרעג דײַן באפליגלטע ערד די צעהעלטע.

און פרעג בא די מאָרגנס, וואָס קומען, וואָס רופן,
און שפילן אין מיר — אזא מונטער־אָרקעסטער...
און גרינג ווערסט דערגרייכן די העכסטע ארופן,
אויב דו ווערסט ניט אָפּשטיין קיין טראָט פון דײַן שוועסטער!

באם געזעגענען זיך

ווי לאנג דו זאָלסט ניט זײַן אין געסט,
אז ס׳קומט די שאָ פון זיך געזעגענען,
דו שמייכלסט שטיל, נאָר עפּעס פּרעסט
אין הארצן, ווי ס׳וואָלט הארבסטיק רעגענען.
כאָטש ס׳איז דער מײַ אין פולן בלי,
און פריש די בלום אין האנט בא די,
וואָס פאָרן אָפּ און וואָס באגעגענען.
און דו ביסט יונג, און מאָרגן פרי
שוין וועלן ראָש זיך טאָן א ציי
צו דיר צוויי בלאָנדע פרויען שטראלנדיק —
דײַן קליינינק טעכטערל, דײַן פרוי,
מיט קושן הייסע דיך באפאלנדיק...
וואָס נאָגט זשע דיך אצינד אזוי?
...און כ׳הער, די זון מיר ענטפערט אָפּ:
— דו האָסט פארגעסן, טײַערער,
אז ווען איך גיי אין נאכט אראָפּ
און לעש אויס מײַנע פײַערן,
דו ווייסט דאָך: מאָרגן כ׳קום צוריק,
דאָך זע איך — סומנע ווערט דײַן בליק...
דו ווילסט דאָך אייביק ליכט און גליק!

ביסט מער נישטאָ

דײַן לעבן האָט געענדיקט זיך אין דער מינוט,
ווען דו האָסט זיך געזאָגט:
— גענוג געיאָגט,
נישטאָ מער וואָס צו אײַלן!
און ס׳האָט דער אומרו אופגעהערט צו כוואַליען
דײַן קיל געוואָרן הארץ,
דײַן מויעך און דײַן בלוט, —
דײַן לעבן ענדיקט זיך אין דער מינוט,
ווען דו גייסט פרײַוויליק
ארויס פון קאָן
און זאָגסט:
— כ׳האָב מײַנס שוין אָפּגעטאָן.

דײַן לעבן ענדיקט זיך אין דער פאטאלער שאָ,
ווען דו האָסט קלוימערשט אלע דײַנע פלענער
שוין אויסגעפילט —
און דו ביסט מער נישטאָ
באם מאכן אונדזער ערד
כאָטש אף איין טראָפּן שענער.
דאן שטייט דער טויט שוין פעסט
בא דיר צוקאָפּנס.
דו קענסט און ווייסט
נאָך לעבן קלוימערשט לאנג,
און גאָרניט אלט... —
ס׳שטייט אויך א טויטער בוים
אמאָל נאָך לאנג אין וואלד.

אכרײַעס

פאַר אַלע פֿייגל, פֿיש, בעהיימעס, כײַעס —
פאַר אַלע שטומע, אַלע ברומערס, אַלע שרײַערס,
וואָס לעבן פון די ציין, די הערנער און די נעגל,
טראָג איך פון אייביק אָן די פולסטע מאָס אכרײַעס.
און אויך פאַר די, וואָס קיינמאָל זיך באַוועגן,
וואָס האָבן ניט קיין פיס און ניט קיין הענט־פאָר —
פאַר אַלע פעלדער, וועלדער, טײַכן, יאַמען,
פון מיר געפאָדערט ווערן וועט אַן ענטפער.
און שטרענגער נאָך — פאַר די, וואָס פונעם מענטשן שטאַמען,
און ווייסן אַלץ, וואָס ער, און אַלץ, וואָס ער, זיי קענען, —
און לעבן דאָך פון שווערד, פון שעכטן, מאָרדן, ברענען,
און טשאַטעוועוען, ווי וועלף, אַף מיר, מײַן קינד, מײַן אייניק —
ווער דען זשע, אויב ניט איך, בין שולדיק
און נישט ווייניק!
מײַן נאָמען מענטש
איז מיך אַף אַלץ מעכײַעוו —
איך טראָג פאַר גאָר דער ערד די פולסטע מאָס
אכרײַעס!

אופריכטיקײַט

די מילדסטע ליכטיקײַט,
די העלסטע הערלעכקײַט
איז די אופריכטיקײַט,
די פּראָסטע ערלעכקײַט.

און נישט קיין לויער איז
אין איר באוואָפ׳נונג, —
איר שטאַרקסטער מויער איז
דאָס האַרץ — דאָס אָפענע...

געַנאַרט האָט ניט די מאַמע

מיט ערשטן עפּן פונעם אויג,
מיט ערשטן קלאַנג אין אויער —
די גרויסע וועלט, די שיינע וועלט
צעפּראַלט פאַר אונדז איר טויער,
און ס׳זאָגט די מאַמע אונדז אַזוי:
די ערד איז גרין, דער הימל — בלוי
און זיבנפאַרביק שטראַלט,
און טויזנטקלאַנגיק איז דער וואַלד,
און בלומענרײַך — די לאָנקע,
איז גיי, מײַן קינד, אין וועלט אַרײַן,
און זאָלסט געזונט און שטאַרק מיר זײַן,
זאָל זײַן געבענטשט דײַן אָנקום!

און לאַנג נאָך איז אונדז גוט און וווּל:
מיר גלייבן, אַז דער מאַמעס מויל
געוועלטיקט איבער גאָר דער וועלט!
און פּלוצעם. אויף פרײַען פעלד
עס טרעפט דיך אַ געוויטער,
צי ס׳האָט אַ שלעכטער „פעטער" זיך
מיט דיר געריצט, און ער האָט דיך
דערפירט ביז טרערן ביטער...
און מאַלע וואָס עס האָט דערנאָך
מיט דיר געקאָנט זיך טרעפן! —
און דו האָסט דײַנע אויגן ברייט

און ווייטעקפול צעעפנט,
ווען ס׳לעבן האָט זיך ניט געלאָזט,
ווי דו געוואָלט האָסט,
גראמען...
און ס׳איז געווען דיר קאלט און הייס, —
אוי, זײַ ניט אף דער מאמען בייז:
געשארט האָט ניט די מאמע.
זי האָט דיך אויסגעלערנט גיין? —
באשולדיק איצט דײַן פוס אליין...

גרויסע אויגן

פליט דער פויגל —
וויל איך פליִען,
זינגט דער פויגל —
כ'פּרווו מײַן שטימע...
אוי, די טיפע הימלען ציִען,
און ס'איז גאָר דער וואלד — איין הימן!

נאָר אומזיסט!
כ'האָב נישט קיין פליגל,
נישט קיין שטים,
מײַן ליבער פויגל!
אָבער נאָך, ווײַזט אויס, אין וויגל
כ'האָב געהאט שוין גרויסע אויגן...

צײַט־מאָס

איז איטלעכנס פּענצטער געווענדט צו דער זון דען?
איז אַלעמען אונדז דען אײַן צײַט־מאָס געגעבן? —
ס'איז אָפּטמאָל צו לאַנג
אויף דאָס פּיצל סעקונדע,
און אַלעמאָל קורץ —
אויף דאָס דויערסטע לעבן!

ניט שטענדיק דער ריטם פון האַרץ פונעם צאַרטן
אין פּוס גייט מיט האַרטן אַנטשלאָסענעם ווילן.
די אַלע, וואָס זוכן,
די אַלע, וואָס וואַרטן,
דערציילן פון דעם
מיט אַ שמייכל אַ שטילן...

די, וואָס גייען אוועק

וויינט ניט אפן טויטן... ווי איז דעם,
וואָס גייט אוועק און וועט מער ניט זען
זײַן היימלאנד.
ירמעיאָהו, כ״ב

נישט וויינט אף דעם, וואָס איז אוועק,
דעם טויטן ניט באַדויערט:
נישטאָ אף יענעם הוילן ברעג
קיין ווי, קיין פרייד, קיין טרויער.

מע דארף ניט מער קיין פרײַנט, קיין רו,
ווּ אומרו קיינמאָל לויערט.
און ערד ווערט אלץ, וואָס ערד דעקט צו, —
דעם טויטן נישט באַדויערט.

נאָר ווי צו דעם, וועם ס׳פירט זײַן וועג
צום גרויען גלײַכגילטיקן ברעג —
צו פרעמדלאנדס שטומע שוועלן:
ער וועט ביז סאָף פון זײַנע טעג
די טריט ניט זיכער שטעלן.

און אָפטמאָל דוכטן וועט זיך אים
אין רויש פון פרעמדע שטראָמען:

ער הערט דער מאמעס שטילע שטים,
זי רופט מיט ווײ זײַן נאָמען.

און ס׳גלעט די באַקן יענער ווינט,
וואָס רוישט אין יענע ביימער
אַף יענער ערד, וואָס אייביק גרינט,
איר צאַרטער נאָמען: היים־ערד!

אַז ווײ צו אים: ס׳איז אים באַשערט
דער ערגסטער גורל אַף דער ערד —
ער וועט אים גיך דערפילן,
דעם אומגליק, וואָס מיט אים געשען:
ער וועט זײַן היימלאַנד מער ניט זען
און וועט זײַן פּײַן ניט שטילן.

ביזן לעצטן טראַט

דער מענטש, אז ער קומט אף דער ערד,
באדארף ער און מוז עפּעס אופטאָן,
ביזוואנען די טריט ער דערהערט
פון טויט, וועלכער קומט אים א רוף טאָן.

געבענטשט זײַ, דו, אייביקע פליכט,
וואָס קומט מיט דער מילך פון דער מאמען
און פירט אונדז, אזוי ווי א ליכט
באנאכט איבער שטורמישע יאמען —

א ליכט, וואָס יאָגט צווייפל און שרעק,
און לאָזט זיך ניט לעשן דעם גלויבן,
און ווײַזט אונדז דעם זיכערן ברעג,
און עפנט אין צוקונפט די שויבן.

די ווײַטקײַט איז ליכטיק און ברייט.
דײַן טראָט די געשיכטע געבענטשט האָט:
דו שפּאנסט אפן וועג, וועלכער גייט
דורך איטלעכן פאָלק — צו דער מענטשהײַט!

דײַן היימלאנד צו זון גייט און העלט,
דײַן היימלאנד — אליין שוין א זון איז.
געדענק: דו דארפסט לאָזן די וועלט
א שענערע, ווי זי געפונען...

איז טראַכט ניט, אַז ס׳קאָן מיט זײַן שווערד
דער טויט אומגעריכט דיך אַ רוף טאָן:
דער מענטש, אַז ער קומט אויף דער ערד,
באַדאַרף ער און מוז עפּעס אויפטאָן!

ארום דער זון

דער ערשטער טראָפּן שײַן,
וואָס אין באַגין צעגליט זיך
און ווערט אַ יאַם פון ליכט,
וואָס כוואַליעט זיך און קוועלט;

דער ערשטער שפּראָץ פון קערנדל,
וואָס מידט זיך
צו עפענען די ערד
פון פרילינגדיקן פעלד;

דאָס ערשטע וואָרט, וואָס שיילט קוים אויס
פון ליד זיך
און זוכט נאָך, בענקענדיק,
דעם ניגון, וואָס אים פעלט;

דער ערשטער זיג־געשריי
פון זײַן איבערן ניט־זײַן,
ווען ס׳גייט דאָס קינד אַרײַן
אין טויער פון דער וועלט, —

דאָס איז דער גרויסער אָנהייב
פונעם ווערן,
אַ טייל פון דעם,
וואָס קיינמאָל ניט פאַרגייט.
און צײַט דו ביסט אַף אָט דער ערד —

דעם שטערן,
וואָס גיט דיר ברויט און וואַרעמקייט, און פרייד,
און האָט דערצו
אויך הונגער נאָך און טרערן, —
דו דריי זיך אויך,
ווי אונדזער ערד זיך דרייט!
נישט נאָר ארום דער אקס
דער אייגענער זי גייט,
נאָר אויך זי האָט א וועג
א וויַיטן און א שווערן —

צו אייביקער און גרויסער ליכט
פאר אלעמען,
נישט נאָר פאר זיך.

צו א נײַ־געבוירענעם

זי האָט באַגעגנט דיך באַם טויער,
ביסט מיט א פרייד־געשריי אַרײַן.
און זי, פון אירע הייכן בלויע,
האָט דיך באַגריסט מיט אָנהייב זײַן.
דערלאַנגט א בינטל שטראַלן ווייכע
און מיט א וואַרעם־ווילן שמייכל
געזאָגט:
— זאָל זײַן דיר צו געזונט
די ערשטע מוטער־מילך! לעכאַים!
אַף גוטן וואַקסן און באַנײַונג!
איך בין דײַן אורבאָבע — די זון.
איך בין די וווּנדערלעכסטע זקיינע,
וואָס קיינמאָל קאַלט און אַלט ניט ווערט,
און מײַסעלעך אַן אויצער, שיינע
כ׳האָב פון דער אייביקײַט געהערט,
און איינס פון זיי איז
אָט די ערד,
וווּ ס׳איז צו לעבן דיר באַשערט...

א שאָ צו נאכט

א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט.

פונעם בוקאָווינער יידישן
פאָלקלאָר

מײַן פרײַנט! דאָס פאָלק איז קלאָר און מונטער,
און יעדעס וואָרט זײַנס — טיף באטראכט.
ביז ס׳קלאפּט דאָס הארץ, ניט גיב זיך אונטער!
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט.

ביז ס׳איז דײַן טאָג נאָך ניט ארונטער
און כאָטש איין שטראלכעלע נאָך וואכט,
טראכט וועגן אלץ — ווי א געזונטער!
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט.

און ביז א מינדסטער פונק נאָך צונטערט
אין מײַרעוו דײַנעם — גייט א שלאכט
און ס׳גיט די האָפנונג זיך ניט אונטער...
— א שאָ צו נאכט איז נאָך ניט נאכט!

* * *

דער הימל האָט מיליאָנען מאָל געטאָגט שוין,
און ס׳האָט מיליאָנען מאָל
דעם טאָג די נאַכט פֿאַריאָגט שוין,
דאָך יעדער זון־אויפֿגאַנג איז אַלץ אַ נײַער נעס...

אין ביכער טויזנטער איז אַלץ געזאָגט שוין,
דאָך יעדעס וואָרט, וואָס קומט פֿון טיף געמיט,
איז שטענדיק פֿריש פֿאַר מיר,
ווי ס׳ברויט, וואָס כ׳עס,
און ווי דעם סאָלאָוויס שוין לאַנג געהערטע ליד.

וועמענס הארץ...

מײַן הארץ איז אָפט קאַפּריז און מיד
און לעבט מיט מאָדנעם שטייגער:
אָט גייט עס קוים — כ׳הער קוים די טריט,
אָט לויפט עס שנעל — זיך לייגן...
דאָך טוישן עס, — ניין, כ׳וויל דאָס ניט:
עס איז דאָך מײַנס, מײַן אייגן!
איך וויל בא מיר ניט אונטער העמד
א הארץ, וואָס איז מײַן הארצן פרעמד,
א הארץ, וואָס האָט אין טאָג פון פײַן
קיינמאָל מיט מיר געוויינט,
און ווען ס׳האָט מיר די זון געשײַנט,
זיך ניט צעזונגען פריידיק.
ניין, כ׳וויל ניט טראָגן אונטער העמד
א הארץ, וואָס איז מײַן הארצן פרעמד...

ווײַסע נעכט

ווײַסע נעכט. איך קאָן ניט שלאָפֿן.
זון צוגלײַך גייט אויף און אונטער.
און דאָס הארץ און אויג, ברייט אָפֿן,
ווארטן שטיל אף גליק און ווונדער.

ס'זינגען אלע מײַנע גלידער.
אף מײַן רוקן שפּראָצן פֿליגל...
זײַ געגריסט, פֿארבענקטער ניגן,
און געפֿין דאָס וואָרט פֿאר לידער!

אין צוג

דו שטייסט באם שויב. פון אונטער ראָד אהינטער
עס לויפט די ערד, פארשווינדט דאָרט ערגעץ ווײַט
מיט ווײַסן פעלד און וואלד. עס פליט אזוי די צײַט!
מײַן פרײַנט! דײַן קאלענדאר דו הייב ניט אָן פון ווינטער...

די ראָד פון יאָר עס דרייען צײַטן פיר.
דו הייב אָן רעכענען פון די מײַיאָווע רעגנס.
און קוק פאָרויס: דיר לויפט די ערד אנטקעגן...
און דו ביסט אין דער צײַט: זי פליט פאָרויס מיט דיר
דורך ווינטערן — צו פרילינגן צעגרינטע...
מײַן פרײַנט! דײַן צײַט־כעזשבן הייב קיינמאָל אָן פון ווינטער!

צווישן דוירעס

מײַן גלעקל רופט צום טיר מיך זעלטן.
מײַן טעלעפאָן ניט אָפּט מיך וועקט...
און כ׳פּיל אזוי, ווי צווישן וועלטן
וואָלט גיין פארטראכט מײַן שטילער וועג.

פון מײַן דאָר שוין געבליבן ווייניק,
ווי לעצטע שטערן פאר קאיאָר...
און ס׳וואקסט דער נײַער דאָר — מײַן אייניק,
נאָר... ס׳שפּילט זיך נאָך דערווײַל זײַן דאָר.

דאָךביידע פלעכטן זיי זיך איבער
אין דעם נאָקטיורן פון מײַן זײַן:
דאָס פריי־ליכט, וואָס מיר ווערט אלץ ליבער,
די שאָטנס פון מײַן אָוונט־שײַן.

פריידיקע ווײ

א מענטש, וואָס טראָגט אין זײַן געמיט
די אופגאנג־שײַן, די זיסע פּײַן
פון א נאָך ניט־געבוירן ליד —
ער קאָן נישט קיינמאָל עלנט זײַן!

ווי ס׳קאָן ניט עלנט זײַן א פרוי,
וואָס וואַרט אױף קינדס געבורט־געשריי.
ס׳קאָן ווײ טאָן איר ביז שטום געוואָי,
נאָר ס׳איז דאָך פרייד אין אָט דער ווײ!

פאַרנאַכט

פאַרנאַכט לאָזט די זון זיך אַראָפּ אַף די קני
און לינדערט די בענקשאַפט פון טאָג
באַם אָוועקגיין,
און לאָזט אַף אים פאַלן
פון שטראַלן
אַ רעגן,
אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן אײַנדערפרי,
ווען זי איז מיט גליק
אים געלאָפן אַנטקעגן.

אַזוי קערט צוריק
אָפּט מײַן אָוואַר זיך אום,
ווען ס'טוט דער געדאַנק פון אָוועקגיין
מיך קלעמען, —
דערמאָנט מיט אַ שמייכל פאַרגעסענע נעמען
און ברענגט פון די קינדערשע לאָנקעס אַ בלום,
וואָס דאַרף ערשט די טויִקע קנאָספּן צענעמען.

מײַן אײביקײַט

מײַן אײביקײַט — ס׳איז איך און ס׳איז מײַן שאָטן...
זי האָט זיך אָנגעהויבן בא מײַן ערשט געשריי
און וועט זיך ענדיקן מיט שמייכל, צי מיט וויי,
ווען איך וועל אויסהויכן מײַן לעצטן אָטעם.

זי וועט זיך דרייען נאָך א ווײַלע בא מײַן גרוב.
א נאָ׳נטער כאוועער וועט א קוש טאָן מיך אין שטערן.
די זון וועט אויסווישן מײַן טאָכטערס טרערן,
און פּיצלעך קינדער וועלן לאכן אין מײַן שטוב...

ערעוו הארבסט

נאָך איז פון די פעלדער די בלענדיקע היץ ניט אוועק,
נאָך בעט די גערעטעניש — שעפע אף העלן און טרוקענעם וועטער,
נאָר ס׳איז שוין א מידקייט א שטילע
אריין אינעם לייב פון די טעג —
זיי גייען אף נאכט־רו שוין פריִער
און וועקן זיך שפעטער און שפעטער.

און ערגעץ אףביימער, אינגאנצן געקליידט נאָך אין גרין,
גליט אוף שוין א בלעטל און ברענט, ווי געשייערטער קופער...
די דאָרעם־ווייט וועט שוין באלד
שפאלטן א בושלשער קלין,
אין פארק וועט פארבראָנזעטע בלעטער
דער וועכטער פארשארן אין קופעס.

כ׳האָב נעכטן פון אָוונט אין דאָרף אין א מיידלס א ליד
דערפילט אינעם אָפקלאנג פון קאָל ווי א טראָפנדל אומעט.
צי האָט איר פארדראָסן דער טאָג,
וואָס האָט נאָרוואָס פארבליט?
צי עפשער איז היינט דער געגארטער
צו איר ניט געקומען?

אף גלאטקייט פון טייכל געזען כ׳האָב א קנייטשל א הארבס,
ווען ס׳האָט זיך אין בענקשאפט צעווינטלט דער טאָג באם אוועקגיין...

...דורך טויזנט שפּאַרונעס
שלײַכט דורך זיך דער שאָטן פון האַרבסט,
נאָך אײדער עס האָבן די הימלען
אַף לאַנג זיך צערעגנט.

און ביסטו אַ דיכטער, באַהאַלט ניט אין האַרבסט דײַן געדיכט
פון אָט דער עלעגישער צאַרטקײַט, וואָס טוליעט צו דיר זיך
בישטיקע, —

אין אַלע פיר צײַטן פון יאָר
איז פאַראַנען אי שאָטן, אי ליכט,
און אַלץ האָט זײַן כיין און זײַן זון,
און אַלץ איז אין לעבן אַן איקער...

כ׳האָב זיבעציק מאָל שוין געזען אָט די פּרעכטיקע שפּיל,
כ׳בין זיבעציק מאָל דעם פירפּאַרביקן קרײַז שוין געלאָפן...
און אויב ס׳איז, ווי ייִנגלווײַז,
יונג נאָך ביז איצט מײַן געפיל,
איז יונג עס דערפאַר,
ווײַל מײַן האַרץ איז געווען שטענדיק אָפן.

און יעדן באַוועג פון דער זון, און יעדן באַוועג פון דער ערד
האָב איך, ווי מײַן אײגענעם פּולס, געפילט אינעם לויף פון די בלוטן,
און כ׳האָב אינעם טראָט פון מײַן מיטמענטש
אָן אויפהער געהערט
דעם מונטערן מאַרש פון זײַן שפּאַנען
אַלץ נע׳נטער — צום גוטן!

א שטראַל

עס טרעפט — און דו ווייסט ניט פונוואנען, פאַרוואָס
ס'טוט פּלוצעם צום האַרץ אַזאַ ווארעמער גאָס
א כוואַליע פון מילדער, פון רוּיִקער פרייד,
אַן אָנזאָג פון עפּעס א גרויסן באַשייד...

און ס'ווערט אַזוי ליכטיק אין האַרצן דערפון,
כאָטש כמאַרעס אין הימל באַהאַלטן די זון;
כאָטש דו האָסט נאָך אַלץ ניט געפונען דיַין אָרט,
כאָטש דו האָסט נאָך אַלץ ניט געפונען דיַין וואָרט...

דאָס האָט אונדזער קלוגע, קלאָר־אויגיקע ציַיט
א רעגע אַנטפּלעקט דיר די אייביקע וויַיט,
פאַרטרויט דיר, אַז דו ביסט א טייל פון דער קראַפט,
וואָס וועלטן צעשטערט זי, און וועלטן באַשאַפט!

דאָס האָט דיר דער מאָרגן געשיקט זיַינס א שטראַל
און העל דיר באַלויכטן דיַין אייגענעם קוואַל —
די ערד און די זון, וואָס דו טראָגסט אין דיַין ברוסט...
איז שפּאַן זשע פאָרויס מיט א זיכערן פוס!

דורך איין טויער

זיי קומען אומגעריכטערהייט
און גייען ביידע דורך איין טויער —
די הילכיק־שאַלנדיקע פרייד
און דער געפּרעסטער שטילער טרויער.

עס קען זיי ביידן יעדער האַרץ —
דאָס גרויס געווינס און די פאַרשפּילונג...
ווי ס׳האָט זיך יעדער יאָר זײַן האַרבסט
און זײַן פאַרליבטן גרינעם פרילינג.

ס׳האָט יעדער אויפגאַנג זײַן פאַרגאַנג,
דער טאָג — אָט גרעסער איז, אָט קלענער...
דאָס לעבן איז איין גרויס געזאַנג
פון העלע און מינאָרע טענער.

ס׳איז אַלץ און אַלעמען באַשערט
צו נעמען און — אָוועקצוגעבן,
ווי לאַנג מיר לעבן אויף דער ערד,
ווי לאַנג די ערד אַליין וועט לעבן.

פידלען

ערגעץ גאָר־גאָר נאָענט
הער איך זינגען פידלען,
ציִען מיר דאָס כּיעס
און די זעל ארויס.
מיט אזעלכע פײַנע
גאָלד־געשניצטע רידלען
גראָבן זיי אזויפיל
טעג און יאָרן אויס!
און איך שטיי פארכאָלעמט,
און איך שטיי פארוווּנדערט:
איך דערקען זיי אלע —
מײַנע יאָרן, טעג...
אף פיר דינע סטרונעס —
דרײַ פערטל יאָרהונדערט
זינגען, בענקען: יאָרן,
איר ווּ זײַנט אוועק!..
שטיי איך בא מײַן פענצטער.
נאָך איין מאָל די זון איז
טיף אין מיר ארונטער,
ווי מײַן בענקשאפט גרויס...
ערגעץ גאָר־גאָר נאָענט
זינגען מײַנע סטרונעס,
ציִען מיר דאָס כּיעס
און די זעל ארויס!

בלויער פויגל

נייג צו, מײַן פרײַנט, צו מיר דײַן אויער,
מיט מײַנע ליפּן רעדט דאָס האַרץ:
ניט יעדער פויגל איז אַ בלויער,
און אָפט ווערט אויך אַ בלויער — שוואַרץ.

און איז ער יאָ צו דיר פאַרפלויגן,
ניט זאָג: — מיר איז שוין רו באַשערט, —
ווי קאָן ער בלײַבן בלוי, דײַן פויגל,
אויב בײַ דײַן שאָכן שוואַרץ ער ווערט!

מײַן פענצטער איז געווען ברייט אָפן

כ׳האָב הײַנט א ווונדער־קאָל פארנומען,
מיט יעדן נערוו מײַנעם געהערט.
ס׳איז ניט פון ווײַט און הייך געקומען, —
דאָס האָט גערעדט אליין די ערד.

ס׳איז טויזנט־טענערדיק געווען
און רעגנבויגנדיק־קרישטאָל... —
און אף דער ערד האָט יעדער וועזן
אין דעם פארפלעכט זײַן אייגן קאָל.

איך ווייס: ס׳איז גאָרנישט זיך פארלאָפן:
כ׳הער אלע טאָג די זעלבע שטים.
מײַן פענצטער איז געווען ברייט אָפן,
און איך, ברייט אָפענער, — בא אים...

ס׳האָט מײַן קאשטאן־בוים אָנגעצונדן
אין זונשטראל זײַנע קאָנוס־ליכט,
מיט יעדן ראָזן ליכט זײַן רונדן
האָט זיך דער בוים אף גליק געריכט.

און ווײַט האָט מילד־פארליבטער הימל
געקושט דעם זוים פון ערדס גרין קלייד,
און איטלעך גרעזעלע און בלימל
האָט זיך געפרייט, געפרייט, געפרייט...

און אונטער פענצטער מײַנעם כוואַליען
צוויי מענטשן־שטראָמען, רעכטס און לינקס,
און ס'דוכט זיך מיר, זיי אַלע אײַלן
צו אָפּנעמען א גרויס געווינס.

א ווינטל שעפּטשעט מיר אין אויער
מיט רייעך יוליקן פון לינד:
— אָט איז דײַן הימל — אַזאַ בלויער!
אָט איז דײַן ערד — ווי פריש זי גרינט!

אָט איז דײַן שטאָט — האָסט אין דײַן יוגנט
קיין שויב אָן זון אין איר געמאָלט...
נאָר דיך האָט אַלץ נאָך ניט גענוגנט —
האָסט ליכט פאַר גאָר דער וועלט געוואָלט!

נישטאָ נאָך? ס'מאַטערן דיך פראַגן? —
פאַרשטער זיך ניט קיין נעכט און טעג!
עס קאָן דאָך ניט אָן קיין זיגזאַגן
זיך דורכלייגן די וועלט א וועג! —

א נײַעם ברייטן וועג! — ס'וועט ווערן
אינמיטן מאַרש נאָך ברייט דער גאַנג.
עס איז שוין איצט דײַן ערד — א שטערן,
וואָס לאָזט ניט קיינעם בלאָנדזשען לאַנג.

* * *

זאָגן איַיך דעם עמעס, ברידער, —
כ׳האָב ניט זייער ליב די לידער,
וואָס זיי נעמען בא דעם שטייגער
בלויז די שאָ, וואָס וויַיזט דער זייגער,
און זיי קענען ניט א פלי טאָן
מיט די קורצע פליגל העכער
פון די נידעריקע דעכער;
און זיי קענען ניט א טראָט טאָן
וויַיטער פון די שטילע שטיבער,
און זיי קענען ניט אריבער
איבער שמאָלער טאָג־האצלאָכע —
זיך א הייב טאָן און דערגרייכן
צו די הייכן,
צו דעם קאָסמאָס פון עפּאָכע,
וועלכער זעט זיך דאָך אפילע
אין א קליינער שאָ א שטילער...

ווינטער

...דו פֿרעגסט, ווי כ׳לעב, ווי פֿיל איך מיך, וואָס הערט זיך,
צי בין איך ניט צעקריגט מיט שניי און פֿראָסט?
איז הער:
די פֿענצטער מײַנע זײַנען גוט באַגלאָזט,
און מײַנע צימערן
עס האָבן הייסע הערצער, —
די אויוונס מײַנע הייצט דאַשאַוער גאַז
און לאָזט די שויבן ניט
פֿאַרפֿרוירן ווערן.
איך קאָן באַנאַכט זיך זען מיט ווײַטע שטערן,
און אַלעמאָל איך האָב קאָנטאַקט
מיט וועלט און גאַס —
און כ׳פֿיל בא זיך אין אַלע צעלן און געוועבן
די הויך־טעמפּעראַטור פֿון אונדזער לעבן.

דו ווייסט דאָך:
איך אַליין קאָן קיינמאָל בלײַבן קיל,
און גלײַכגילטיק האָב איך פֿײַנט מיט הייסן צאָרן,
און שניי כ׳האָב ליב, ווי אין די קינדער־יאָרן,
ווי שניי אַליין האָט ליב
צו זײַן אין קינדער־שפּיל.
און אָפֿט איך גיי אַרויס
און מיטן ראַשן ריטם

פון גאס איך לאָז מיך גיין,
און ס׳ווערט דער פראָסט ניט קאלט...
צי איז דעם אלטן בוים דען
קאלט אינמיטן וואלד,
ווען ווינט מיט זילבער־קאָנפעטי באשיט אים?

ניין!

און העוול־האוואָלים, די וועלט איז א כּאָלעם.
פון אן אלטער פאָלקסליד

...א שאָטן פון א פליגל איז דעם מענטשנס לעבן.
י.־ל. פּערעץ. „באנאכט אפן אלטן מארק״

די וועלט איז ניט קיין אָפּנאַר, קיין מיראַזש,
ווו ס'איז ניטאָ פארוואָס און ווען צו מאָנען!
דאָס לעבן איז — א העכערער עטאַזש,
ווו ס'זעט זיך ווײַט דורך פענצטער און באלקאָנען.

און ניט קיין כּאָלעם איז דאָס לעבן, נאָר א טרוים,
און ניט קיין פליגל־שאָטן — שטארקע פליגל!
און ווי צו דעם, וואָס עפּנט זיי קוים־קוים
און וויל מיט שטורעמס קיינמאָל זיך ניט קריגן!..

און וויל איז דעם, וואָס האָט מיט הייסן הארץ
דאָס גרויסגעזאנג פון מאַרש פאָרויס פארנומען
און האָט מיט קלוגער מי פון יעדער הרודע ארץ
א שטיקל עכטן גאָלד ארויסבאקומען!

און וויל איז דעם, וואָס עפּעס האָט פארזייט —
זאָל זײַן א קערנדל, זאָל זײַן א וואָרט א מונטערס —
און ביזן סאָף געדענקט, אז בלויז דער טאָג פארגייט,
נאָר זי, די זון אליין, גייט קיינמאָל אונטער!

פארליבטע ערד

די זון אין מײַן שטוב

1

װען די װעלט נעמט זאָגן שירע,
בײס דער טאָג דערװאַכט,
קומט די זון צו מיר אין דירע
און פֿאַרבלײַבט ביז נאַכט.

אַזאַ הײמישע און פּראָסטע,
גאָר ניט װי אַן גאַסט, —
װי אַ גוטע באַלעבאָסטע,
װאָס האָט ליב איר נעסט.

מיט אַ שטראַלן־באַרשט אַ ברײטער
פּוצט זי דעם פּאַרקעט,
און מיט גאָלדן זײַד פֿאַרשפּרײט זי
אין דער שטוב דאָס בעט...

קומט צום טיש צו, װוּ איך פֿורעם
שטיל אַ נײַ געדיכט,
און באַשפּריצט אַמאָל אַ שורע
מיט איר װאַרעם ליכט...

שאָענלאַנג אין יעדן צימער
פֿאַרבט זי פֿריש די װענט,

און עס שעמערירט און שימערט
אונטער אירע הענט...

ביז דער אָוונט־ווינט נעמט שפּילן
צו דער נאכט א לויב —
גייט זי אָפּ מיט שמייכל שטילן
דורך דער בלויער שויב...

2

ס׳קומט די זון מיט גוטע בסורעס
יעדן אינדערפרי,
און מיט פרישער יונגער גווורע
טוט מײַן הארץ א גלי...

כ׳קוק, די אויגן ברייט צעעפנט,
און דער אויער הערט... —
הײַנט וועט זיכער עפּעס טרעפן
אף מײַן שיינער ערד!

עפּעס גרויס וועט הײַנט פּאסירן, —
ס׳וואַרט שוין ערגעץ גרייט...
עפנט, מענטשן, אלע טירן!
לאָזט ארײַן די פרייד!

כ׳הער שוין אירע טריט די שנעלע,
כ׳זע שוין, ווי זי שײַנט... —
ס׳איז די זון דאָך אזא העלע
אופגעשטאנען הײַנט!

פארליבטע ערד

עפּעס האָט אײנגאַנצן זיך די ערד געענדערט
אין דער װײכער גרינשײַן, אין דעם בלויען בלענד.
און מיך רופן װעגן, שליאַכן אָן אן ענדע,
אין מײַן הארץ — דעם אלטן־יונגן קאָנטינענט...

און דאָס ליכט דאָס גרינע עפנט אלע װעגן,
און די װעגן אלע גײען בארג־ארויף.
טויזנט בלויע פײגל פליִען מיר אנטקעגן,
טויזנט צארטע פידלען זינגען אין מײַן רוף.

אין די הײסע אויגן צינדן אָן זיך שטערן,
און דאָס הארץ דורך אומענד װײַטסטע צײַט דערהערט...
פײגל מײַנע בלויע, שװערט ניט שװארץ צו װערן!
פידלען, זינגט דעם ניגן פון פארליבטער ערד!

איבער זילבערנע דעכער

עס האָט נאָך מײַן אויג ניט פֿאַרנומען די שקיִעה —
און ס'שפּריצט שוין מיט פֿונקען אַף דעם דער באַגינען,
און כ'קאָן צווישן זיי ניט די גרענעץ געפֿינען,
און כ'קאָן ניט געפֿינען, ווו אָנהייב, ווו סאָף איז,
און בילד־שײַן, און ווילד־שײַן דער כאַלעם אָן שלאָף איז...

פֿאַר אַלץ אומגעריכטס בין איך ברייט איצט צעעפֿנט:
וואָס קאָן דען אין נעכט אין אַזעלכע ניט טרעפֿן!
אַז ס'צאַפּלט די וועלט זיך אין עפּעס אַ פֿיבער,
און ס'זינגט אַ פֿאַרבענקטע די שטילקײַט די ווײַסע
און וואַרט אַלץ אַף וווּנדער — אַ קינדערשע מײַסע,
וואָס גיסט איבער ראַנד זיך מיט „פֿלוצלינגס" אַריבער.

איך זיץ בײַ מײַן אָפֿענעם פֿענצטער פֿאַרוווּנדערט:
מיר דוכט אַלץ, אַז ערגעץ דאָרט ווײַט און נאָך ווײַטער
טאַנצט אויס איצט איר אָנהייב פֿון ערשטן יאָרהונדערט
די ערד, און זי וויל מיט דער זון זיך ניט שיידן —
און כ'פֿיל איר אינדיִאַנישן טאַנץ איבער שײַטערס...
און כ'זע אויך איר שמייכל דעם קלוגן און שטילן:
זי איז אַזוי ערנסט, ווי קינדער, וואָס שפּילן...

און כ'זע, ווי עס שפּאַנט איבער זילבערנע דעכער,
פֿאַרהילט אינעם זילבערנעם נעפּל, וואָס שימערט, —

א ברענגער פון בסורעס... אָט שטילער, אָט העכער...
ער קלאַפּט שוין אין אָפענער טיר פון מײַן צימער... —
כ׳הייב אוף זיך און שמייכל. כ׳בין אלץ נאָך ניט זיכער,
אז ס׳קלאַפּט בלויז מײַן הארץ עטוואָס שטארקער און גיכער...

שקיִע

ס׳וויל די זון ניט גלויבן,
אז עס שטארבט דער טאָג,
צינדט זי אָן די שויבן
פון א הויכן שטאָק.

שפּליטערס רעגנבויגן
פינקלען בלענדיק, צארט...
מאך איך צו די אויגן,
עפנט זיך דאָס הארץ.

הינטער מײַנע וויִעס
גליט די זון נאָך לאנג.
שטילע ווײַטע שקיִעס
טוען עפּעס באנג...

העכער, העכער, העכער
זינגט אין מײַן געמיט —
אוי, ס׳איז דאָך די עכאָ
פון א ווײַטער ליד!

פון דער ליד, וואָס שטענדיק
בלײַבט זי נײַ און נאָ׳נט.
זי איז ניט פארענדיקט,
בענקט זי און זי מאָנט...

שטיל איז עס געוואָרן
אױף דער גאַנצער װעלט.
הער זיך צו — דער קאָרן
כװאַליעט זיך אין פעלד...

* * *

די זון האלט מיט ליכט אין איין רעגענען
און פרייט זיך אליין, וואָס זי שטראַלט.
ס׳קאָן זײַן, כ׳וועל הײַנט ווידער באַגעגענען
מײַן ערשטע געליבטע אין וואַלד.

מיר וועלן אוואדע דערקענען זיך:
כ׳געדענק איר געזאַנג, אירע טריט.
ס׳קאָן זײַן, כ׳וועל הײַנט ווידער דערמאָנען זיך
מײַן ערשטע פאַרגעסענע ליד!

מיט סימכע־טרערן

ס'האָט הײַנט, ווי אלע טאָג באגינען,
די פרילינגדיקע ערד די גרינע
באגעגנט פון דער זון דעם אָנקום
מיט סימכע־טרערן אין די אויגן —
אף יעדן גרעזל פון דער לאָנקע,
אף יעדן בלעטעלע פון בוים,
אין יעדן טרעל פון פרײַען פויגל,
זיך שפּילנדיק אין טוי, געצויגן
צו מאמע־זון זיך, אין דעם רוים
האָט נאָך געשעמערירט א שטערן...

און, ווי מײַן צערטלעך־גוטער ערד,
אויך מיר איז גוט געווען ביז טרערן.
און אין די ווילע רעגעס שטילע
האָב איך מיט יעדן נערוו געהערט,
ווי ס'שעפּטשעט גאָר די וועלט איין טפילע:
— שאָלעם, שאָלעם, שאָלעם!

א זון מיט א רעגן

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן!
עס לאכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אנטקעגן.

לייב נײַדוס

א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
גיי איך ארויס אף צעלויף פון די וועגן,
עס האָט מיך א פרילינגשער האלבטאָג באגעגנט,
און לוסטיק ער האָט מיר געטראָגן אנטקעגן
א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן...

איך האָב מיך אין ברויזיקן פריידשטראָם פארכלינעט
פון לאָנקעס, אזוי ווי מײַן יוגנט, פריש־גרינע,
געפרייט זיך באנאנד מיט א ווערבע א דינער,
ווען ס׳האָט מיר געפּאטלט דער ווינט די טשופּרינע.
און כ׳האָב מיך מיט גאָלד־גרינעם רעגן פארכלינעט.

און בין מיר אלץ ווײַטער און ווײַטער געגאנגען.
...נישט אלעמאָל גרינג איז א וועג אזא לאנגער!
ס׳האָט אָפּט אויך גאָר פלוצעם א כוישעך געפאנגען
די זון, און מיט שווארצטיכער נאסע פארהאנגען,
נאָר איך בין אקשאָנעסדיק ווײַטער געגאנגען.

כ׳בין זיכער געווען, אז עס אײַלט מיר אנטקעגן
א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן!

זײַן אדרעס

אומעטום און אלץ, און אלע
ווײַזן אָן דיר דעם אדרעס,
ווו דער פרילינג באלד באם קומען
זײַן געצעלט האָט אופגעשטעלט:

טרוי זיך אָן — און זאָל דיך פירן
ליבער רייעך פונעם בעז
און דאָס ווינטעלע דאָס גרינע,
וואָס פארבלאָנדזשעט פונעם פעלד.

און פון אָוונט הארט באם טײַכל
אין א בלייכן ווערבע־קוסט
זינגט דער ליריקער דער צארטער —
דער פארליבטער סאָלאָוויי;
אין זײַן טרילער ווינט דער פרילינג,
העלפט זײַן צערטלעך פיצל ברוסט
אויסצוהאלטן אזא מאסע —
גאנצע וועלטן גליק און ווייי...

כ׳טרינק דעם שיקרעס־שוים דעם ווײַסן
פון איעדן בוים אין בלי,
און דאָס לעבן מײַנס איך בלעטער
מיט א שמייכל — אף צוריק...

ניין, עס פליסט קיין טײַך צוריק נישט!
נאָר דאָס הארץ מײַנס בעט סײַווי
בא דער ערד און בא דעם הימל
פאר דער וועלט דער גאָרער — גליק!

אזוי וועט זײַן

אזא איז בא מיר אין די טרוימען
מײַן לײַבלעכע ערד און מײַן וועלט:
...עס האָט פארן מויעך קיין צוימען
די מוטער־נאטור ניט געשטעלט.

און ס׳האָט ניט קיין גרענעץ דײַן ריזע,
און ס׳האָט ניט קיין ברעג דײַן פארשטאנד.
די לענג פון דײַן טאָג און דײַן שקיִע —
ס׳איז אלץ אין דײַן אייגענער האנט.

און ס׳האָט צו די ווײַט־ווײַטסטע שטערן
קיין סאָד דיר די וועגן פארמאכט.
דעם אויער בייג אָן — און וועסט הערן
און וויסן, וואָס אייביקײַט טראכט.

און כ׳בין אין מײַן טרוים אזוי זיכער,
עס לײַכט אזוי אָפט מיר זײַן שײַן...
איך וויל נאָר — א ביסעלע גיכער,
כ׳זאָל דאן כאָטש א רעגע נאָך זײַן!

מארט

קרישטאָליק האָט צעטריפט זיך
פון דאַך א צעפּל איַיז.
אין בלויען הימל שיפט זיך
א וואָלקנדל א וויַיס...

א ווינטעלע א שטילינקס
די יונגע זון באַגלייט...
פאראן אין אָנהייב פרילינג
א צאפּלדיקע פרייד.

אין הארץ א זיסער ציטער:
מיַין יוגנט קומט צוריק.
און ווארט אף א געוויטער
פון אומגעהערטן גליק.

דער טיַיך — נאָך איַיז און גליוער,
דער בארג — א וויַיסער סטויג, —
נאָר ס'הארץ דערזעט דאָך טיפער
און ויַיטער פונעם אויג!

און גרויסע העלע בסורעס
צעכוואליען מיַין געמיט,
און ס'שנירלט זיך אין שורעס
א ניַי־געבוירן ליד.

קאזבעק

אין הייסער רויזן־פרייד זיך באָדן דײַנע פיס,
קאווקאזער ריז,
ברייט־אקסלדיקער בארג,
קאזבעק!
און יעטווידער אאול,
וואָס דראפּעט זיך און קלעטערט אף דײַן קארק,
איז ווי א יונג פארליבט געמיט,
צעבליט —
מיט ווײַן און לידער איבערפול!
דאָך ביסטו מיט קאָפּ דײַנעם פון דר׳ערד אוועק צו ווײַט —
און ס׳זוימט דײַן שטערן שטיל א קאלטער שניי־געדאנק...
און ס׳בלעטערט, זיפּצנדיק, אין לופטן איבער דיר
דאָס הארבע בוך פון איינזאמקײַט
דער ווינט...

איך האָב א רויטע רויז גענומען בא דײַן פוס,
און מיטן שטעגעלע, וואָס גאנוועט זיך מיט זײַט
און דראפּעט זיך צו דיר ארוף
און שיקט פון דאָרט אן אופשטײַג־רוף
אראָפּ —
געבראכט האָב איך א יונגן גרוס
דײַן ווײַסן אלטן קאָפּ...

איך האָב די רויז אַף בלעטעלעך צעטיילט
און אפֿן ווינט צעשיט,
און ס'האָט דײַן אײַזיקער און שטומער שניי
מיט הייסע יונגע טראָפּנס בלוט געבליט...

געזאַנג צו דער זון

אין די הייכן אין די בלאָע
אַף איר אַרבעט־פּלאַץ דעם אַלטן,
וועלכער ציט זיך אָן אַ ברעג,
אַרבעט לאַנגע איבעררשאָען
באַ איר אייגן ליכט צעשטראַלטן
אַלע יאָר אין אָט די טעג
היימלעך, פּלײַסיק, מונטער, מוטיק
אונדזער ליבע, אונדזער גוטע
האָרעפּאַשנע זון.

פון די פּריסטע אינדערפריִען
שפּאַנט זי אום שוין אין די הימלען,
נאָך מיט טוי אַף אירע טריט,
און זי טוט זיך זאָרגפול מיִען,
אַז די לאָנקע זאָל זיך בלימלען,
אַז דער בוים זאָל אָנטאָן צוויט,
אַז עס זאָלן פעלדער, בייטן
שעפּע, זעט און פרייד פאַרגרייטן
אַף אַ יאָר אַ גאַנצס.

און די מילדע גאָלד־פאַרנאַכטן
רוקט זי אָפּ אַלץ ווײַטער, ווײַטער,
אַף די שטרעקעס אָן אַ סאָף...—
קאָן דען ווען אַ מאַמע טראַכטן,

מיט א האַרץ אין זאָרג געלײַטערט,
װעגן אָפּרו, װעגן שלאָף,
װען מיט יעדן נערװ און אָדער
אָן אַן אױפֿהער ס׳קינד אירס פֿאָדערט
אױפֿזיכט, שפּײַז און ליכט!

אין מײַן שטעטל װײַט אַף צאָפֿן,
װאָס איך װעל געדענקען, בענקען
ביז מײַן לעצטן װעג,
פֿלעגט די זון קײנמאָל ניט שלאָפֿן
און איר פֿענצטער ניט פֿאַרהענגען
אין אָט די־אָ טעג!
אױ, די שײנע צױבער־מײַסע
פֿון די װוּנדער־נעכט די װײַסע
זינגט ביז הײַנט אין מיר!

פֿון אײן נאַכט אַזאַ — אַ סימען
איז בא מיר אין האַרץ פֿאַרבליבן,
נישט פֿאַרװעלקטער צװײַט... —
אין אַ נאַכט אַזאַ אַ הימען
האָב איך צו דער זון געשריבן...
אױ, מײַן ערשטלינג־ליד!
זון! דו ביסט דער שענסטער שטערן,
און פֿון דיר ביז הײַנט איך לערן
ליבשאַפֿט צו מײַן ערד.

באגינען

פון שטעטל מײַנס אוועק איך בין,
נאָר קינדהײַט קיינמאָל גרויט...—
מיר שמעקט נאָך אלץ דער מײַ־באגין
מיט פרישן קאָרן־ברויט.
דער טאָג איז בלאָנד, דאָס ווינטל — גרין,
און ס׳לעבן — ווארעם־רויט,
ווי ס׳בלוט, וואָס נערט דײַן יעדן צעל
און היט געטרײַ דײַן שוועל.
און רויט — די צײַט,
וואָס פון דער ווײַט
זי קומט אלץ נעענטער צו
און גאָר דײַן שיינע ערד באנײַט
און ברענגט איר גליק און רו,
און אומגעשטערטע פרייד און שײַן
אין הארץ און אויג — און ס׳ווערט
דער מענטש — א ליד, וואָס פלעכט זיך אײַן
אין פרילינג פון זײַן ערד.

מײַ

כ׳האָב ליב ס׳געוויטער אָנהייב מײַ

ט י ו ט ש ע ו

די ווײַט נאָך לעצטן דונער הערט —
און ס׳אײַלט אים שוין די זון אנטקעגן.
עס שמייכלט גליקלעך יונגע ערד
און טרינקט די לעצטע טראָפּנס רעגן.

עס האָט דער הימל אָנגעטאָן
זײַן וווּנדער־שאַרף — דעם רעגנבויגן,
און ס׳גיסט מײַן גאנץ געמיט זיך אָן
מיט מילדער פרייד — דורך מײַנע אויגן.

כ׳בין אין דער הייך, און כ׳בין אין טאָל,
און אומעטום כ׳בין א מײַאָווער...
ווער האָט געזאָגט, אז ס׳קומט קיינמאָל
די קינדהײַט נישט צוריק פון אָווער?

איך פיל — אף מײַנע ווײַעס רינט
א טרער פון גליק־געררירטע טיפן.
איך בין דאָך אָט דאָס באָרוועס קינד,
וואָס טרײַבט אין ריטשקעלע זײַן שיפל...

צוגאסט באם סאָלאָוויי

אוןווידער אָוונט איז אױף אלט־באַקאַנטן ברעג.
דער זעלבער קוסט באַם טײַך,
דער זעלבער סאָלאָוויי...
און ווידער בין איך רײַך
מיט יונגער פרייד און וויי,
ווי צווישן דאַן און איצט
קיין לעבן וואָלט אוועק.

מיט מיר צוזאַמען זיצט
פאַרקישעפט מײַן פאַרשטאַנד,
מיט שטערן־גלי און טוי,
מיט טונקל־בלוי
באַשיט.
אַ וווּנדער־כאָלעם קומט און פירט מיך אין זײַן לאַנד,
וווּ אַלץ איז שיין און וואָר,
ווי מײַן געמיט,
וואָס גליט...

מײַן ליבער סאָלאָוויי!
אַזויפיל לאַנגע יאָר
מיט אויפגאַנג און פאַרגאַנג
עס זײַנען שוין פאַרבײַ —
און דו זינגסט אַלץ נאָך יונג?

צי ס'איז דײַן צענטער דאָר?
צי דו ווערסט יעדעס מאָל געבוירן פונדאָסנײַ?

און ס'זאָגט מיט טרילערײַ
דער געני פון געזאַנג:
— א הארץ, וואָס ליבט געטרײַ
און קיינמאָל זיך פארשליסט
פאר ליד פון וועלט און מענטש,
לעבט קיינמאָל ניט אומזיסט!
מיט ווארעם בלוט געבענטשט,
מיט אייגן ליכט באשטראלט —
ביסטו דען איצטער אלט?..

אכצן

ס׳איז דעמלט א שוועסטער געווען מיר דאָס פעלד,
א ברודער — דער וואלד דער געדיכטער.
און איך בין געשטאנען אינמיטן דער וועלט —
דער מײַסעלע־וועלט פון א דיכטער.

און איינמאָל, די זון האָט גענומען פארגיין —
טאָגטעגלעך א וווּנדער א נײַער! —
און איך בין געשטאנען אין לאָנקע אליין,
אין אָפּשײַן פון אייביקן פײַער.

און ס׳איז הינטער מיר, דורך א טיר פון סאפפיר,
געגאנגען די נאכט א פארקלערטע...
און ס׳האָט זיך געזונגען, געזונגען אין מיר
א ניגן, א ניגן אָן ווערטער.

און פלוצעם — איך ווייס ניט פונוואנען, וווהין,
א פּרוי דורך דער לאָנקע געגאנגען.
א פריש־ווײַסע קלייד אפן טונקעלן גרין,
די אויגן מיט בענקשאפט פארהאנגען.

א יונגע, א שלאנקע, מיט לופטיקן טראָט
דורך גראָזן און פלאמיקע מאָן־קעפּ
געגאנגען, געשמייכלט, און כ׳ווייס ניט, וואָס האָט
געשמעקט דאָן: איר לײַב, צי די לאָנקע.

מײַן אויג האָט באַגלייט זי ביז ראַנד פֿונעם וואַלד,
וואָס האָט זי אײַן שאָטנס באַהאַלטן, —
און מער איז שוין קיינמאָל דאָס ליכטיק געשטאַלט
אַרויס פֿונעם וואַלד פֿונעם אַלטן!

און זעלטענער אַלץ האָב איך ווונדער געזען,
געשלאָגן מיט ניכטערער בלינדקייט.
קאָן זײַן, אַז דאָס אַלץ איז בלויז כאָלעם געווען,
אַזוי ווי דאָס גאָלד פֿון מײַן קינדהייט,

אַזוי ווי דער ניגון, וואָס איך האָב געהערט,
ווען ס׳האָבן געזונגען די שטערן,
און ייִנגער פֿון מיר האָט געפֿרילינגט די ערד,
און אַכצן געדאַרפֿט האָט מיר ווערן...

נאכט

כ׳צינד קיין ליכט, נאָר די גארדינען
נעם איך לאנגזאם און צערוק.
ס׳שטייט א בוים א טונקל־גרינער
בא מײַן פענצטער און ער קוקט...

און א ווינטל מיט האנאָע
גריסט מיך שטיל פון יעדן צווײַג.
זיץ איך אינעם ליכט דעם בלאָען,
ס׳מויל — האלב־אָפן, און איך שווײַג.

ס׳זינגט די נאכט איר מוטער־ניגון,
וויגנדיק אין שויס די ערד,
און מײַן הארץ — דעם וואָרן ליגן
פון איר מײַסעלע עס הערט —

און עס גלייבט! — דעם בוים דער ווינט האָט
ס׳זעלביקע דערציילט דאָך אויך.
און עס שמייכלט ליב מײַן קינדהייט
פון א שטערנדל נישט הויך...

א דעמב

דער דעמב איז טויזנט יאָר שוין אלט —
שוין ניט קיין בוים, — א גאנצער וואלד!
אין זײַנע שימשון־קודלעס האָט
צעבויט זיך ברייט א פייגל־שטאָט
און לעבט זיך דאָ מיט קליין און גרויס,
און פּיקט זיך איר פּארנאָסע אויס
פון יעדן רוקן־פּאלד באם ריז,
און דאנקט פאר שפּײַז אים, און באגריסט
מיט טויזנטסטרוניקן געזאנג
באגינען און באם זון־פארגאנג.

ס'איז טויזנט יאָר שוין אלט דער דעמב,
נאָר זײַן זיקאָרן ווערט ניט טעמפּ!
און אין א הייס־צעגליטן טאָג
א מידן גייער רופט ער, לאָקט
און זאָגט אף גרינער בלעטער־שפּראך:
— ס'איז ווייך מײַן מאָך, און קיל — מײַן דאך,
רו אָפּ זיך, פרײַנט, און שטיל מיט מיר
ווּעסט אין „אמאָל" טאָן א שפּאציר:
געווען אמאָל... א דעמב געדענקט!
א מענטש האָט מײַסעס ליב און בענקט...

דער דעמב איז טויזנט יאָר שוין אלט,
נאָר ס'ברייטע הארץ זײַנס ווערט ניט קאלט!

און יעדעס יאָר, ווען ס׳קומט דער מײַ,
ער שפּילט אַ ליבע פונדאָסנײַ.
און ס׳ענטפערט אים מיט ליבע אָפּ
די יונגע זון און קושט זײַן קאָפּ
מיט לײַדנשאַפטלעך־טרײַער ליפּ —
זי האָט דעם אַלטן גיבער ליב...
זי זעט: אים שוינען בליץ און צײַט —
און גלייבט אין זײַן אומשטערבלעכקײַט...

מאָדע

א מיידל א שלאַנקס איז
דורך ברייטער אַלייע געגאַנגען,
און הונדערטער אויגן זי האָבן
פאַרוווּנדערט באַגלייט:
שוין לאַנג ניט געזען דאָ
צוויי צעפּ, אָט אַזעלכענע לאַנגע,
וואָס גלעטן מיט זייערע סטענגעס
דעם זוים פון באַשיידענעם קלייד.
עס האָבן זי אַלטע געלויבט
אין ווערטער — מיט שמייכל,
און באָכערים יונגע
געלויבט אפן קאָל האָבן פרײַ,
און זי האָט פאַרגיכערט איר טראָט
מיטן וווּנדער פון ווייכן
שוואַרץ־בלוילעכן זײַדנס —
און שטיל זיך געררויטלט דערבײַ...

און איינער א מאַן,
וואָס געפירט האָט זײַן פרוי אונטער אָרעם,
האָט, פּלוצעם פאַרכידעשט,
אין גאַנג זיך געטאָן א שטעל אָפּ
און געזאָגט צו דער פרוי:

— זע, דאָס גייט דאָך אַן עמעסער דאָרע![1]
און איך האָב אים מוחל געווען
דעם ניט־ריכטיקן טראָפּ...
און איך האָב צופרידן דאָ ווידער
דעם אייביקן עמעס באַנומען:
אַז שיין איז די מאָדע,
וואָס גייט ניט קיינמאָל פון דער מאָדע אַרויס...
און איך האָב געזען, ווי עס שמייכלען
לענגויס דער אַלייע די בלומען,
און איך האָב געזען, ווי די זון האָט געקושט
א באַשיידענע רויז.

---

[1] גוסטאַוו דאָרע (מיטן טראָפּ אויפן „ע") — באַרימטער מאָלער, אויטאָר פון א גאַלעריי ביבלישע פרויען־בילדער.

דריטע קינדהײט

סאשען.

1. ס'האָט די זון געשיקט דעם פויגל...

כ'האָב צום לעבן ניט קיין טײַנעס,
אז עס גיט מיר ווייניקלעך, —
ס'שפּילט די דריטע קינדהײַט מײַנע
אין מײַן שויס: מײַן אייניקל!

ווידער שפּילצײַג, ליד און מײַסע,
ווידער אונטער וויגעלע
שפּילט דאָס אַלט־באַקאַנטע ווײַסע,
קיינעוודיקע ציגעלע...

נאָר נאָך ראָזשינקעס און מאַנדלען
וויל עס מער ניט וואַנדערן, —
ס'האָט זיך ס'ציגעלע פאַרוואַנדלט
לאַנג שוין אין אַן אַנדערן.

צו דער הייך עס טוט זיך ציִען
מיט די שיינע הערנערלעך.
באַלד וועט עס אין קאָסמאָס פליִען
פאַרן קינד נאָך שטערנדלעך!

שטערן... ווער איז זיי נישט גערן?
שיין איז זייער ווײַטער גלי.
סאשעס ברוסט, — א גאָלד׳נער שטערן
וועט אמאָל באצירן זי...

ס׳איז א פויגל אָנגעפלויגן,
קלאפּט אין שויב זײַן ניגנדל.
ס׳האָט די זון געשיקט דעם פויגל,
שוועלבל מײַנס, פארוויגן דיך.

כ׳האָב צום לעבן נאָר איין טײַנע:
צייל נישט קארג די יאָרעלעך!
אוי, פארבײַ דעם פענצטער מײַנעם
פליִען טויבן־פּאָרעלעך...

2. באם שפּיגל

ס׳קוקט מײַן אייניקל אין שפּיגל
און ער טאַנצט פאַר פאַרגעניגן
אף די הענט בא מיר:
אין א גרין־געשטריקטן מיצל
שפּרינגט אנטקעגן אים א פּיצל
אף די הענט בא מיר!

שפּרינגט אַן אייפּעלע א יאַריקס,
אזא ראַזיקס, א בלאָנדהאָריקס,
לויפט צו אים און לאַכט;
פּאַכעט מיט א בער א ברוינעם,
מיט א גוטן בער אזוינעם,
לויפט צו אים און לאַכט.

רײַסט זיך פון די הענט מײַן אייניק,
ס׳ווערט דאָס קוקן אים צו ווייניק,
ס׳וויל צו יענעם קינד —
אים א טאַפּ טאָן צי א קלאַפּ טאָן,
עפּשער גאָר דעם בער א כאַפּ טאָן
פון די הענט באם קינד...

דריקט מײַן יינגעלע, מײַן העזל,
צו דעם שפּיגל צו זײַן נעזל —
וויל אהין אַרײַן.

נאָר דער שפּיגל איז א האַרטער,
אַזא קאַלטער, אײַנגעשפּאַרטער —
לאָזט ער ניט אַרײַן...

האָט מײַן קינד זיך אויסגעבויגן,
זוכט מיט פרעגנדיקע אויגן
הינטער שפּיגל... ניין!
איז אַנטוישט, ווי ס׳וואָלט פאַרשטאַנען:
אוי, ס׳איז קיינער ניט פאַראַנען
הינטער שפּיגל, ניין!

3. וואָס וועט ער זײַן?

סאשע זיצט פאַרטאָן און מײַסטערט
טורעמס פון זײַן שפּיל־קאָמפּלעקט.
איז די מאמע גאָר באַגײַסטערט:
— ער וועט זײַן אַן אַרכיטעקט...
סאשע זעט באַנאַכט די שטערן,
קוקט ער לאַנג אַף זיי פאַרגאַפט.
זאָגט די מאמע: — איך וואָלט שווערן,
ער וועט זײַן אַ קאָסמאָנאַווט!
סאשע „מאָלט", האַלט אין איין גיסן
פאַרב און טינט אַף יעדן שפּאַן.
שײַנט די באָבע: — ווער קאָן וויסן,
עפּשער וואַקסט אַ לעוויטאַן...
הערט דער זיידע מיט אַ שמייכל
און ער זאָגט אין גוטן מוט:
— איר האָט אַלע קינדערש סייכל,
זײַן אַ קינד איז גוט...
לאָמיר אים אַליין אַ פרעג טאָן,
ער איז דאָך שוין אַלט באַלד פיר...
— דו ווילסט זײַן אַן אַרכיטעקטאָר?
זײַן אַ מאָלער ווילט זיך דיר?
נאָר ס׳איז סאשע גאַנץ „באַשיידן"
און ער ענטפערט, ניט געטראַכט:
— איך וויל זײַן, ווי דו, אַ זיידע,
וויסן מײַסעלעך אַ סאַך...

ליכטיקע ווארעמקײט

עס ווערט מיר גאנץ אָפּט אזויווארעם אין הארצן —
עס שטייט נאָך גאנץ הויך דאָרט מײַן אייגענע זון.
און ס׳ווילט זיך מיר זינגען, און גרויס עפּעס טון,
און ס׳דוכט מיר: איך האָב נאָך א קאָפּ גאָר א שווארצן
און ס׳שפּרייטן פֿאָרויס זיך אף אומענד פון צײַטן,
פון גאָרנישט געצוימט, מײַנע הייכן און ווײַטן
באַגאָסן מיט זון.

מיר איז אזוי גוט, וואָס איך פיל מײַן פֿארוואנדשאפט
מיט אלץ, וואָס עס לעבט, וואָס עס פרייט זיך און בליט,
מיט איטלעכן ווארשטאט, מיט איטלעכער ליד —
מיט אלץ, וואָס א טרײַע, געראָטענע האנט שאפט,
צום נוצן פון היימלאנד, צום וויל פון מײַן ברודער,
און כ׳פיל, אז אויך מײַן האנט ליגט פעסט אפן רודער,
וואָס פירט אונדז פאָרויס.

ס׳איז איטלעכער נייטיק, ס׳איז איטלעכער וויכטיק,
כ׳פיל יעדערנס מי אין דעם ברויט, וואָס איך עס.
און כ׳זע: אונדזער זון לײַכט א גאנצן מעסלעס
און מאכט אלע ערדישע ווינקעלעך ליכטיק.
ווי גרויס זײַט איר, מיפולע, פּאָשעטע מענטשן!
באשיידן, איר זעט ניט אליין אָפּט די בלענד־שײַן,
וואָס לײַכט אונטער אײַערע הענט.

וואגן

איך בין אליין דער פרילינגדיקער רעגן,
וואָס ברענגט גערעטעניש מײַן דאָרשטיק פעלד...
מיך האָט דער טאטע נאָך געלערנט
פרעגן,
קעדיי ניט בלאָנדזשען בלינד
אַף וועגן פון דער וועלט.
און כ׳האָב געפרעגט בא מענטשן און בא ביכער,
געפרעגט בא יעדערן,
וואָס פרעגט אליין —
כאָטש טראָט מײַנער שוין לאנג געווען איז
זיכער,
און איך געוווּסט, אז ס׳איז אַף בערג
ניט גרינג צו גיין.
נאָר איך האָב ליב די מי אַף נײַע פראגן —
ווײַל יעדע פראגע איז
א שטויס פאָרויס,
און אונדזער גרויסגעדאנק
קיין מאָס האָט פאר זײַן וואגן,
ווי ס׳האָט ניט אייביקייַט
קיין מאָסן פאר איר גרויס...

* * *

איך וויל הײַנט פֿון גאָרנישט, פֿון גאָרנישט ניט קלערן.
ס׳איז מײַנע די זון, ס׳זײַנען מײַנע די שטערן.
מײַן אויג איז אַליין הײַנט אַ שטיקעלע הימל,
און ס׳שפּילט דאָרט אַ וואָלקנדל הײמלעך און ראָז,
און ס׳ווינקט מיר די ערד מיטן אויג פֿון אַ בלימל,
און ס׳רופֿט מיך די לאָנקע זיך קײַקלען אין גראָז.

איך וויל הײַנט פֿון גאָרנישט, פֿון גאָרנישט ניט קלערן,
כ׳קאָן וויינען און כליפּען, כ׳קאָן לאַכן ביז טרערן.
כ׳בין עלטער פֿון אייניקל בלויז לויט די מאָסן
פֿון כאָכמע און צײַט...
און איך זינג אַפֿן קאָל.
כ׳בין ווידער אינגאַנצן מיט פֿרילינג פֿאַרגאָסן,
און כ׳בענק יעדן אָוונט נאָך דיר, ווי אַמאָל...

א דאנק דיר, מײַן ערד

עס ווערט מיר, וואָס ווײַטער, אלץ ליבער די וועלט —
די ערד און דער הימל, דער וואלד און דאָס פעלד;
דאָס וואסער, וואָס רײַסט זיך פון אונטער א שטיין;
דאָס פּיצעלע קינד, וואָס עס לערנט זיך גיין
און שטרעקט זײַנע הענטלעך פאָרויס, און עס לאכט,
און פרייט זיך מיט יעטווידן טראָט, וואָס עס מאכט;
דער בארג, וועלכער שטורעמט מיט שטיינער און פלאם;
דער אייביקער גאנג און געזאנג פונעם יאם;
דער שווונג פון דער צײַט,
וואָס דערהייבט און באנײַט —
און אלץ, וואָס עס רײַסט זיך אין הייך און אין ווײַט.

ס'איז ליב מיר די וועלט,
וואָס מיך פירט און באגלייט — איר הארבסטיקער קומער,
איר פרילינגשע פרייד;
אין אווגוסט —
דער זאטער דער גאָלדענער גארב;
דער ווײַסער יאנוואר־סטעפּ,
וואָס שווײַגט אזוי הארב —
און כאָוועט דעם פרילינג אין זיך דאָרטן טיף;
אף נאכטיקן הימל — א בליציקער טריף
פון ערגעץ א שטערן, וואָס סוידעסדיק פאלט
און שטראלנדיק שטארבט ער,
און שטארבנדיק — שטראַלט...

עס ווערט מיר, וואָס ווײַטער, אַלץ ליבער די וועלט,
אפילע די פּײַן,
וואָס מיך צײַטנווײַז קוועלט:
מײַן קאָפּ איז דאָך גראָוו שוין פון לאַנג שוין, פון לאַנג,
און מידלעך — דאָס האַרץ,
און דער רוקן — ניט שלאַנק.
מײַן קינדהײַט, מײַן יוגנט (אַוואַדע טוט ווייִ!) —
אפילע קיין „לוניק" קען גרייכן צו זיי!
זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קומען צוריק!
נישטאָ איבער אָפּגרונט פון נעכטנס —
קיין בריק!
נאָר דאָך... יעדע רעגע פון לעבן איז —
גליק!
דערפאַר שטייט די זון אויך באַנאַכט בײַ מײַן טיר.
און ס'זינגט זיך, און ס'זינגט זיך, און ס'זינגט זיך אין מיר!
דאָס הער איך
פון מאָרגנס דעם ליכטיקן גאַנג;
דאָס וועב איך
פאַרוואַנדלט אליין אין געזאַנג;
דאָס בין איך
אליין פון מײַן אָוונט די שײַן;
דאָס גרין איך
ביז טיף אין מײַן האַרבסט־צײַט אַרײַן;
דאָס פאַל איך
מיט שטערן אין סאָד פון ניט־זײַן;
דאָס שטראַל איך
מיט אָפּשײַן פון אייביקער שײַן.
אַ דאַנק דיר, אָ וועלט, וואָס דו האָסט אין מײַן צײַט
דערפירט אונדזער שיף צום געכאַלעמטן ברעג
נאָך שטורעמדיק־שווערע און העלדישע טעג
און טיף אין אָקטיאַבער דעם פרילינג באַנײַט,
און דורעס פון ייִעש און צווייפל אַנטוויינט —
אַ דאַנק דיר, מײַן ערד:
עס האָט לעבן געלוינט!

אינהאלט

א. אין אלע פיר צײַטן

לעכאַים 7
אין אלע פיר צײַטן פון יאָר 9
די ווערטער, וואָס ווערן ניט אלט 10
דוירעס אין דער ריי 12
זײַן וואָרט 14
ס׳איז יעדער שפּאַן געהייליקט 15
כ׳בין א בוים... 16
ליטע — מײַן וויגלאַנד 17
א ליד וועגן טשערנאָוויץ 19
די באַלאַדע וועגן סאָנגאַמי 21
מײַן ברודער 24
ארגענטינער מאָטיוון
1. ווו ס׳ווינט די אָרעמקייט 26
2. פרישע מילך 28
3. גרינע אף „פּלאַסע רעטיראָ" 29

ב. מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלט

איך שטיי באַם שפּיגל פון מײַן זיקאָרן 33
אינמיטן דער וועלט 34
אין מײַן מוזיי 35
מײַן קינדהייט 38
יונגע יאָרן 40
ווו זײַט איר 42
באַם פענצטער 44
ס׳ווערט אזוי ווארעם 46
דער קאָבזאַר פון מײַן קינדהייט 47

האפיז 48
עס שפּילט זיך אַ קעצל... 49
אַ שטיקעלע גאָלד 50
אונדז באַגלייט געזאַנג 51
„זײַן זאָל געבענטשט די גרויסע ליכטיקייט..." 52
דאָס ליכט פונעם וואָרט 53
מיר, די גראָוע 54
געלאָזן אָפן 55
איך זינג דעם מענטש 56
פאַרגעפּיל 57
אין יענעם טאָג 58
פון מענטש צו מענטש 59
מײַן טרײַע שוועסטער 61
באַם געזעגענען זיך 63
ביסט מער נישטאָ 64
אכרײַעס 65
אופריכטיקייט 66
געענדערט האָט ניט די מאַמע 67
גרויסע אויגן 69
צײַט־מאָס 70
די, וואָס גייען אוועק 71
ביזן לעצטן טראָט 73
אַרום דער זון 75
צו אַ נײַ־געבוירענעם 77
אַ שאָ צו נאַכט 78
„דער הימל האָט מיליאָנען מאָל געטאָגט שוין..." 79
ווענמענס הארץ... 80
ווײַסע נעכט 81
אין צוג 82
צווישן דוירעס 83
פריידיקע ווײַ 84
פאַרנאַכט 85
מײַן אייביקייט 86
ערעוו האַרבסט 87
אַ שטראַל 89
דורך איין טויער 90
פידלען 91
בלויער פויגל 92
מײַן פענצטער איז געווען ברייט אָפן 93
„זאָגן אײַך דעם עמעס, ברידער..." 95
ווינטער 96
ניין! 98

ג. פארליבטע ערד

די זון אין מײַן שטוב . . . 101
פארליבטע ערד . . . 103
איבער זילבערנע דעכער . . . 104
שקיעה . . . 106
„די זון האלט מיט ליכט אין איין רעגענען...״ . . . 108
מיט סימכע־טרערן . . . 109
א זון מיט א רעגן . . . 110
זײַן אדרעס . . . 111
אזוי וועט זײַן . . . 113
מארט . . . 114
קאזבעק . . . 115
געזאנג צו דער זון . . . 117
באגינען . . . 119
מײַ . . . 120
צוגאסט באם סאָלאָוויי . . . 121
אכצן . . . 123
באכט . . . 125
א דעמב . . . 126
מאָדע . . . 128

דריטע קינדהייט

1. ס׳האָט די זון געשיקט דעם פויגל . . . 130
2. באם שפיגל . . . 132
3. וואָס וועט ער זײַן? . . . 134
ליכטיקע ווארעמקייט . . . 135
וואגן . . . 136
„איך וויל הײַנט פון גאָרנישט, פון גאָרנישט ניט קלערן...״ . . . 137
א דאנק דיר, מײַן ערד . . . 138

Блоштейн Гирш Давидович

У ЛИРИЧЕСКОГО ИСТОЧНИКА

(На еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1977 г. 144 стр. План выпуска 1977 г. № 296. Художник В. И. Левинсон. Редактор А. Ю. Гонтарь. Худож. редактор Е. Ф. Капустин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник

ИБ № 481

Сдано в набор 3/I 1977 г. Подписано к печати 24/III 1977 г. Формат 70×108$^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Печ. л. 4$^{1}/_{2}$. Усл. печ. л. 6,30. Уч.-изд. л. 3,55. Тираж 1300 экз. Заказ № 1042. Цена 38 коп. Издательство «Советский писатель», Москва, Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.